№ 138 פרייז 2 קאפ. Lodzer Tageblatt.

לאָדזער טאַגעבלאַט

אבאנעמענטס-פרייז: אין רוסלאנד: א יאהר, 6 רובל א האלב יאהר 4 רובל. א פירטעל יאהר 2 רובל. א חודש 70 קאפ. אין אויסלאנד: א חודש 1 רובל 25 קאפ. ענדערן דעם אדרעס קאסט 15 ק. אדרעס: פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע Лодзь, Петроковская 16. אדרעס פאר דעפעשען: Лодзь. Тагеблатъ

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פעטריקויער 16, טעלעפאן 867.
פיליע אין ווארשוי:
ח. רײַזנער, טווארדא 23, טעל. 17-68.

אנאנסען-פרייז: א שורה פעטיט אין טעקסט 1.20 ערשטע און דריטע זייט 60 ק. לעצטע זייט 80 קאפ., גראטולאציאָנען פערלאבונגס און חתונה-אנצייגען 1-טע זייט 1.50—לעצטע זייט 1 רובל. ניט אנגענומענע ארטיקלען ווערען ניט צוריקגעשיקט. פאר'ן אינהאלט פון אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטוואָרטליך.

15 (28 יוני) 1914. זונטאג ד' תמוז תרע"ד זיבענטער יאהרגאנג

געפונען די „פאסטאווער" קריסטליכע יונגלאך.

גזרות אויף יודישע געהילף-אדוואקאטען.

קיעוו (ספ. צום ל. ט.) אין זשיטאָמיר זענען געפונען געוואָרען די פערלוירענע קריסטליכע יונגלאך סאַקאָלאַחסקי און מאראנענקא, צוליעב וועלכע עס האט זיך, ווי בעוואוסט, פערקאכט די גאנצע מעשה-פאסטאוו, חושר זייענדיג, אז איינער פון זיי איז עס דערהרג'עט געוואָרען אין פאסטאוו אויפ'ן אָרט פון יאסעל פאשקאוו. די דערמאהנטע יונגלאך האבען געדיענט אין א דארף נעבען זשיטאמיר אלס פאסטובער.

אַ גזרה אויף יודישע געהילף-אַדוואָקאַטען.

קיעוו (ספ. צום ל. ט.) די העכערע געריכטס-מאַכט האט ארויסגעגעבען א צירקוליאר, לויט וועלכען די געהילף-אדוואָקאַטען, וועלכע זענען אין פערלויף פון 7 יאהר ניט בעשטעטיגט געוואָרען אלס אַדוואָקאַטען, וועלען אינגאנצען אויסגעשלאָסען פון אַדוואָקאַטור-שטאַנד. די דאָזיגע גזרה איז בעזונדערס נוגע די יודישע געהילף-אדוואָקאַטען, וואס ווערען עפ"י רוב ניט בעשטעטיגט אלס אַדוואָקאַטען און וועלען איצט אינגאַנצען אויסגעשלאָסען ווערען פון אַדוואָקאַטען-שטאַנד.

יודישע גרושים אין קיעוו.

קיעוו (ספ.) ס'ווערען פאָרגעזעצט די „ערקלערונגען" וועגען די יודישע בעלי-מלאכות. ס'ווערען ארויסגעשיקט זאָגאר א זעלכע בעלי-מלאכות, וועלכע האבען היי-יאהר אויסגעטוישט זייערע צייכענישען.

באגראָווס תלין — אַ גנב.

קיעוו (ספ. צום ל. ט.) דער תלין וואס האט אויסגעפיהרט דעם טויט-אורטייל איבער סטאָליפינ'ס מערדער באגראָוו, איז איצט פערמשפט געוואָרען פאר א גנבה צו 8 חדשים טורמע.

„קיעוולאַנינ'ס" עצה טובה פאַר טשעבעריאַקאָוואַ'ן.

קיעוו (ספ.) צוליעב דעם אויפרוף פון דער צייטונג „קיעוו" צו העלפען וויערא טשעבעריאק פערטיידיגען איהר „גוטען נאָמען" פון די רכילות'ן וואס מען טרייבט נעביך געגען איהר, גיט דער „קיעוולאַנין" זעהר א פראקטישע עצה ווי אזוי דאס צו מאכען. די צייטונג שרייבט: אום צו בעשיצען דער טשעבעריאַטשקע פון די אלע אונאנגענעהמליכקייטען איז פאראַן א גאנץ פשוט מיטעל, קודם כל דארף מען זי אריינזעצען אין טורמע, כדי זי זאל אפזיצען די 4 חדשים, צו וואס זי איז פערמשפט געוואָרען דאַ פאַר א פעלשונג, דאַ פאַר א גנבה, און וועלכע זי איז נאך ביז איצט ניט אפגעזעסען. נאכדעם ווי זי וועט אפזיצען די פיער חדשים דארף מען נעהמען גענוי און געווינסענהאפט — דערהויפט געווינסענהאפט — אויספארשען, צי האט וויערא טשעבעריאק דערהרג'עט אנדריושא יושטשינסקי'ן אָדער ניט.

און דאן, אויב זי האט ניט דערהרג'עט און די אויספאָרשונג וועט דאס פעסטשטעלען, דאן וועט די זעלבע אויספאָרשונג ממילא פון איהר אראָבנעהמען דעם „בלבול" וואס מען מאכט אויף איהר און איהר נאָמען וועט בלייבען ריין פאר דער גאנצער וועלט.

פערהאַלטען נאך איינעם פון טשעבעריאַק'ס ידידים.

קיעוו (ספ.) די געהיים-פאָליציי האט פערהאַלטען דעם פראָפעסיאָנעלען מערדער דאחידענקאָ, וועלכער איז דערמאהנט געוואָרען אין דער פריוואט-אויספאָרשונג וועגען יושטשינסקי'ס ערמאָרדונג, אלס איינער פון די שטענדיגע בעזוכער פון טשעבעריאק'ס וואוינונג. דאחידענקאָ ווערט ארויסגעשיקט פון קיעוו.

שרעקליכע גוס-רעגענס אין קאַווקאַז.

טיפליס (ספ.) צווישען די סטאנציעס גראָזני און כאסטאווא-אָרט איז דער וועג אויף א שטח פון 7 וויאָרסט פערגאָסען מיט וואסער פון א שרעקליכען גוס-רעגען. די אייזענבאהן-ליניע איז אינגאנצען צושטערט געוואָרען. דער אייזענבאהן-פערקעהר איז דעריבער אָבגעשטעלט געוואָרען.

טיפליס (ספ.) די גוס-רעגענס הערען נישט אויף אין באטום. די וועגען זענען פערוואָרפען מיט שטיינער, וועלכע דאס וואסער רייסט אראָב פון די בערג-בערגעס. 188 וויאָרסט זענען אין גאנצען פערוואָרפען מיט שטיינער פון 20 קוביק-סאזשען די גרויס.

„יאַמבא" — אונשולדיג פער'משפט.

אדעס (ספ.) ביי'ם פאלמעסען דעם טויטען קערפער פון דעם העלפאנט „יאמבא", וואס איז געמאכט געוואָרען דורך איניגע פראָפעסאָרען און וועטערינארען, איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אז „יאמבאַ" איז געווען גאנץ נאָרמאל און זיין אויפגערעגטער צושטאנד האט נאר געקאָנט ארויסגערופען ווערען צוליעב דער גראָבער בעהאנדלונג פון די דרעסירער, וואס האט ארויסגעבראכט „יאמבאַ'ן" פון געדולד.

די ספעציאליסטען האבען זיך קאטעגאָריש ארויסגעזאָגט, אז ס'איז ניט געווען קיין שום נויטיגקייט צו דער'הרג'ענען דעם העלפאנט.

די פראָפעסאָרען און סטודענטען פון אוניווערסיטעט האבען ביי זיך איבערגעלאָזט צום אנדענקען די קוילען, וואס מען האט ארויסגענומען פון „יאמבאַ'ס" קערפער.

אין דער יעגער-געזעלשאפט איז ענטשטאנען א פראגע, אויסצושליעסען פון דער געזעלשאפט אלע פרייוויליגע שיעסער, וועלכע האבען מיטגעהאָלפען צו דערשיעסען „יאמבאַ'ן".

דאס נייעסטע פון טאג.

אַ גרויסער פראצעס.

אדעס (פ.) אין דער געריכטס-פאלאטע איז אנגעקומען פון דער בעשולדיגונגס-קאמער דאס מאטעריאל וועגען די גרויסע שווינדלערייען, וואס זענען פאָרגעקומען אין ניקאלאיעווער שטעדטישער קרעדיט-געזעלשאפט. בעשולדיגט זענען פאראַן 88 און עדות 200. דער בעשולדיגונגס-אקט פערנעהמט 1000 זייטען. ווען דער פראָצעס וועט פאָרקומען איז נאך נישט בעשטימט געוואָרען.

דער פראָצעס פון פרוי קאַיאָ.

פאריז (פ.) ווי מ'רעכענט וועט דער פראָצעס געגען פרוי קאיאָ וועלכע האט דערשאסען דעם רעדאקטאר פון „פיגארא" קאלמעט, געדויערען 5 טעג. דער פראָצעס וועט זיך אנהויבען דעם 20 יולי און וועט זיך ענדיגען דעם 25. צום פראָצעס זענען ארויסגערופען געוואָרען 70 עדות.

אַ גרויסער באַנקראָט.

ניו-יארק (פ.) ס'האט איינגעשטעלט די צאהלונגען די גרויסע האנדעלס-מאנופאקטור-פירמע קלעפקין און קאמפאניע, וועלכע האט אבטיילונגען אין דער גאנצער וועלט. דער אקטיוו דערגרייכט 40 מיליאָן דאָלאר און דער פאסיוו 35 מיליאָן דאָלאר. די דאָזיגע ידיעה וועגען באנקראָט פון דער פירמע האט ארויסגערופען א גרויסע פאניק אויף דער ניו-יארקער בערזע און ס'זענען אויך געפאלען די אקציעס בעזונדערס פון מאנופאקטור-פירמען.

קאַטאַסטראָפעס.

טיפליס (פ.) צוליעב די לעצטע גוס-רעגענס, וואס האבען זיך אריבערגעטראָגען אין די פערשיעדענע טיילען פון די קאווקאזער און וולאדיקאווקאזער אייזענבאהן-ליניעס זענען פאָרגעקומען עטליכע קאטאסטראָפעס. אין דער נאכט פון 12 יוני איז אויף א מהלך פון 50 וויאָרסט פון דער סטאנציע פראָכלאַדנאיא פאָרגעקומען א קאטאסטראָפע מיט א משא-צוג, בעת וועלכען 8 וואגאָנען זענען בעשעדיגט געוואָרען און א געהילף-מאשיניסט און צוויי קאנדוקטאָרען זענען דערהרג'עט געוואָרען, עטליכע באהן-בעאמטע זענען פערוואונדעט געוואָרען.

מיליטער-בונט.

פעקין (פ.) אין מיטען דער נאכט איז אין קאלגאן אויסגעבראָכען א בונט צווישען דער ערשטער דעוויזיע. די בונטאוושטשיקעס האבען צוראבירט א גרויסען טייל פון דער שטאָדט און פערבאפענדיג. א גרויסע צאהל קריגס-מאטעריאלען זענען זיי ענטלאָפען.

די לאַגע אין אַלבאַניען.

וויען (פ.) אין די צייטונגען איז אָבגעדרוקט געווען אנ'אויפרוף פון צוויי מיטגליעדער פון אלבאנישען קאמיטעט וועלכע רופען די געוועזענע אפיצירען און סאָלדאטען צונויפצושטעלען אנ'ארמעע פון פרייוויליגע פאר אלבאניען. אין אָווענר האבען זיך שוין געהאט פערשריבען 1600 פערזאָן, צווישען זיי פיעל אָפיצירען.

Dr. Aleksander Margolis 5696
ד"ר מעד.
אלכסנדר מאַרגאליס
מאגען-קראַנקהייטען
זיעלאָנא 6, טעלעפאן 6-13
ביז 11 מאָרגענס און פון 4—7 נאכמיטאג.

Anlässlich der Verlobung unseres Jungen Chefs
Herrn MORITZ TYBER mit Fräulein DORA SCHAPIRO
aus Berdiczew, gestatten wir uns ergebenst unsere herzlichsten Glückwünsche darzubringen.
5793 Personal der Firma A. J. TYBER.

מיר גראטולירען אונזער געעהרטען געשעפטס-פריינד
ה' א. י. טיבער און פרוי
צו דער פערלאבונג פון זייער זוהן
משה מיט פריילין דאראַ שאַפּירא.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פון „לאָדזער טאַגעבלאַט".

זיך פערמאכט די סעסיע פון דער גאסוד. דומע.

אַ שטאָדט אין פלאַמען. — א גרויסע ערד-ציטערניש.

פעטערבורג (פ.) אויף דער היינטיגער דומע-זיצונג איז צווישען אנדערען אנגענומען געוואָרען דער געזעץ-פּראָיעקט וועגען א צווייטער אלרוסישער צייהלונג. דאן ווערט אריינגעטראָגען א פאָרשלאג, אָבצולעגען ביז הערבסט פינף אנפראגען.

משכעאידזע טרעט ארויס געגען דעם, אנווייזענדיג, אז די אנפראגען, וועלכע האבען אזא וויכטיגע מלוכה-בעדייטונג ווי, למשל, וועגען דעם שטרייק אין באקו קאן מען ניט אבלעגען. מיט א מעהרהייט פון 92 געגען 76 ווערען די אנפראגען אבגעלעגט.

דער דומע-פאָרזיצענדער לעגט דאן פאָר אויסצוהערען שטעהענדיג דעם אלערהעכסטען אוקאז. אלע שטעהען אויף. דער פאָרזיצענדער לייענט:

אַן אוקאַז דעם רעגיערענדען סענאַט.

אויפ'ן גרונד פון פאראגראף 99 פון די גרונד-געזעצען בעפעהלען מיר, די בעשעפטיגונג פון דער גאָס. דומע איבערצורייסען פונ'ם 14 יוני ד. י. און צו בעשטימען די צייט פון איהר עפענונג אויפ'ן 15 אָקטאָבער 1914.

דער רעגיערענדער סענאט זאל זיך ניט אבזאגען ארויסצוגעבען וועגען דעם די געהעריגע פעראָרדנונג.

אויפ'ן אָריגינאל האט זיין מאיעסטעט דער קייזער בעהאנדיגט אייגענהענדיג אונטערגעשריבען

ניקאָלאַי.

דער פאָרזיצענדער רופט אויס: עס לעבע דער קעניג! דויערנדע הורא-געשרייען פערהאלכען דעם זיצונגס-זאַל.

דער קייזער אין פעטערהאף.

פעטערבורג (אפיציעל) א טעלעגראַמע פון מיניסטער פון קייזערליכען הויף גראף פרעדעריקס: זייערע קייזערליכע מאיעסטעטען מיט'ן טראָנפאָלגער צעסאַרעוויטש און גרויס-פירשט אלעקסיי ניקאלאיעוויטש און די קייזערליכע טעכטער האבען דעם 13 יוני בעוויליגט ארויסצופאהרען פון צארסקאָיע סעלאָ קיין פעטערהאף.

אַ אַלערהעכסטער בעזוך דער ענגלישער עסקאַדרע.

פעטערבורג (פ.) אין קראָנשטאדטער „ריד" איז פאָרגעקומען אנ'אלערהעכסטער בעזוך דער ענגלישער עסקאַדרע. 10 א זייגער אין דער פריה זענען זייערע מאיעסטעטען דער קייזער און די קייזערין און די פרינצען פון קייזערליכען הויף אנגעקומען אויף דער יאכטע „אלעקסאנדריא". זייערע מאיעסטעטען זענען אריינגעגאנגען אין דער שיף „ליאָן", וואו זיי זענען פייערליך בעגעגענט געוואָרען פון אדמיראל ביטי. דאן איז אין דער קאיוטע פון אדמיראל ביטי סערווירט געוואָרען א פריהשטיק נאך וועלכען זייערע מאיעסטעטען האבען זיך געלאָזט אבפאָטאגראפירען אין גרופע מיט'ן ענגלישען באָטשאַפטער, מיט'ן אדמיראל און די אָפיצירען פון דער ענגלישער עסקאדרע. 5 א זייגער נאכמיטאג זענען זייערע מאיעסטעטען ביי פייערליכע הורא-אויסגעשרייען צוריקגעפאָהרען קיין פעטערהאף.

אַ מאַטראָזען-פראָצעס.

אדעס (ספ.) אויפ'ן 2-טען אקטאָבער איז בעשטימט געוואָרען דער פראָצעס פון 70 מאטראָזען פון האנדעלס-פלאָט. די מאטראָזען ווערען בעשולדיגט לויט'ן פאראגראף 102. דער פראָצעס וועט פאָרקומען ביי פערמאכטע טירען. צווישען די אנגעקלאָגטע געפינען זיך איניגע פערזאָן מיט העכער בילדונג און צוויי דאָקטוירים.

אַ שרפה אויף אַ שיף.

קאזאן (פ.) צוויי א זייגער ביי נאכט האט אויסגעבראָכען א שרפה אין דעם פאסאזשירען-דאמפפער פון דער געזעלשאפט „פא וואלגע", „צאַריצא", וועלכע איז געגאנגען קיין ניזשני-נאָווגאָראָד. די פאסאזשירען האבען זיך געוואָרפען אין וואסער. ס'זענען פאראַן מענשליכע קרבנות. דער דאמפפער איז אינגאנצען פערברענט געוואָרען.

אַ גאנצע שטאָדט אין פלאַמען.

ניו-יארק (ספ.) צוליעב אנ'אויפרייס אין א פאבריק אין דער פאבריקען-שטאָדט סאלעם האט אויסגעבראָכען א שרפה, די פלאמען האבען מיט א געוואלדיגער שנעלקייט זיך פערשפרייט און ארומגענומען ביז טויזענד געביידעס. דער ווינד האט נאך געהאלפען דאס פייער פערשפרייטען און ווען ס'זאל נישט געלונגען עס איינצולעשען דראָהט דער גאנצער שטאָדט פערברענט צו ווערען. ס'האבען אויך אויפגעריסען די רעזערוואוארען אין די נאפט-גרובען.

אין דער שטאָדט געפונען זיך 50,000 איינוואוינער. א האלבע שטאָדט איז שוין פערוויסט און 10,000 מענשען געפונען זיך אונטער'ן פרייען הימעל. דער שאָדען בעטרעפט ביז 20 מיליאָן דאָלאר. די יתומים-הייזער און א שפיטאל זענען אינגאנצען פערברענט געוואָרען.

פון דעם אויפרייס האבען שווער געליטען 50 פערזאָן, וועלכע מ'האט זיי אבגעפיהרט אין שפיטאל.

אַ שרעקליכע ערד-ציטערניש-קאַטאַסטראָפע.

באטאוויא (פ.) אויף סומאטרא איז פאָרגעקומען א שטארקע ערד-ציטערניש, וואס האט אנגעמאכט אונגעהויערע שרעקליכע פערוויסטונגען. ס'זענען אומגעקומען א גרויסע צאהל מענשען. ס'זענען צושטערט געוואָרען אלע טעלעגראפען-ליניען און דער פונקען-טעלעגראף. פיעל רעגיערונגס-בנינים און פריוואט-הייזער זענען איינגעפאלען פרטים פעהלען נאך.

א לאַדען
מיט 2 שויפענסטער און אנשליסענדע וואהנונג מיט אויך 2 צימער און קיכע מיט בעקוועמליכקייטען פון 1-טען יולי צו פערמיעטען גלובנא 41. צו ערפאהרען ביים ווירט. 918 81

ווער עס האט פראָטעסטירטע וועקסלען פון דער פירמע:
Гиршъ Вавадъ, Пасажъ-Шульцъ 41.
זאל זיך ווענדען צו דער פירמע:
Шлееръ, Выджга и Вайеръ
Пiотрковская 24. 937

Dr. med. J. Leibowicz
ד"ר מעד. י. לייבאָוויטש
34 דזיעלנא 34
אסיסטענט פון פראָפעסאָר קיסטנער אין (ברעסלוי), האט זיך בעזעצט אלס ספעציאליסט פאר אקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען, הארנקראנקהייטען דער פרויען. שפרעכשטונדען: ביז 10 פריה און פון 4 ביז 6 נאכם. 21 5695

ווער עס דאַרף געלד?
און האט איין פאָליס פון א פערזיכערונגס-געזעלשאפט, זאָגאר אזעלכען וועלכען מען האט אויפגעהערט צו צאהלען, קען באלד בעקומען ווענדען זיך פון 10 ביז 1 און פון 4 ביז 6 נאכמיטאג פעטריקויער 58, רעכטע אפיציע, לעצטער אנגאנג, 2-טער שטאָק. 945 1

Dr. med. H. Rożaner
ד"ר מעד. ה. ראזשאַנער
ביז'ן 30 יולי: ציגעלנע-שטר. 4 טעל. 33-31 לעגנערע צייט ג. אסיסט. פון דער בערלינער קליניק. ספעציאל-ארצט פיר הויט און וענערישע קראנקהייטען. נייעסטע מעטאדען צור היילונג פון כראָנישען טריפער (נאך פראנק) און סיפיליס (קאמבינירטע בעהאנדלונג) מענער-שוועכע, בעלייכטונג פון הארן-קאנאל. היילונג פון האאר-אויספאלען. שפרעכשטונדען פון 8—12 און 4—8½ נאכם.

8 צימער אונד קיכע
מיט זעמטליכע בעקוועמליכקייטען אפיציענע 1-טען שטאק זינד פון 1-טען יולי ביליג צו פערמיעטהען. צו ערפאהרען פעטריקויער 20 ביים סטרוזש. 8 2 680

צרות פון די סאלאניקער יודען.

(פון אונזער קארעספאנדענט).

ווייט מאקעדאניען איז ארוים פון טערקיי'ס הערשאפט און די פערשיעדענע שטעדט זענען אריבער צו גריכענלאנד און בולגאריען האבען די יודען אנגעהויבען אויסצושטעהן גרויסע צרות. בעזונדערס ליידען שטארק די סאלאניקער יודען, וועלכע געפינען זיך אונטער דער הערשאפט פון גריכענלאנד.

אין די שטעדט, וועלכע געפינען זיך אונטער בולגאריען'ס הערשאפט פיהלען די יודען ווענינסטענס נישט אזא שטארקען רעליגיעזען האס, דען די בולגארען בעציהען זיך מעהר וועניגער מענשליך צו יודען און ווען די יודען ליידען איז עס צוליעב עקאנאמישע מאטיוען. די אויסגעהונגערטע בולגארען האבען אנגעהויבען מאסענווייז זיך צו בעזעצען אין די איינגענומענע שטעדט און רופען אזוי ארום ארוים א שטארקע קאנקורענץ און ליידען—ליידען יודען.

אין סאלאניקי איז אבער די לאגע פון די יודען געווארען פשוט אונערטרעגליך און די שטאדט, וועלכע איז א מאל געווען פאר יודען א גן עדן, וואו די יודישע קהלה האט געבליהט, איז איצט פערוואנדעלט געווארען פאר די יודען אין א גהינום און זיי שטעהען אויס צרות צרורות.

די גריכען קומען אן מאסענווייז קיין סאלאניקי און אלס די בעלי בתים פון שטאדט, וועלכע ווערען אונטערשטיצט פון דער רעגירונג מאראליש און מאטעריעל, איז זיי לייכט צו פערכאפען פערשיעדענע ווירטשאפטליכע פאזיציעס און שטופען ארוים פון זיי די יודען.

א חוץ דעם בעציהען זיי זיך גלאט אכזריות'דיג צו יודען און אויף שריט און טריט מאכען זיי חוזק פון יודען. רופען זיי „זשיד" און פון צייט צו צייט פערגינט מען זיך אויך א שטיקעל פאגראם'ל אויף יודען...

די לאגע פון די סאלאניקער יודען ווערט אזוי ארום ערגער מיט יעדען טאג און אז עס איז שלעכט—זוכט מען עצות.

אויך די סאלאניקער יודען האבען גענומען זוכען עצות ווי זיך צו העלפען און האבען בעשלאסען צו גרינדען א גרויסע יודישע ארגאניזאציע אונטער'ן נאמען „אחדות".

דער צוועק פון דער דאזיגער ארגאניזאציע איז צו פערפעסטיגען די לאגע פון די סאלאניקער יודען און זיי ארגאניזירען נעגען דער געפאהר, וואס שטעהט זיי פאר מצד די גריכען.

אין דער מהעטינקייט פון דער ארגאניזאציע, אין דער שפיץ פון וועלכער עס שטעהען בעוואוסטע יודישע פערזענליכקייטען, בעטייליגען זיך נישט בלויז סתם מיטגליעדער, נאר אויך איינינע יודישע אינסטיטוציעס.

דערווייל האט די ארגאניזאציע „אחדות" אנגעהויבען צו ארבייטען אין שטאדט גופא, נאר מיט דער צייט וועט זי פערברייטען איהר מהעטינקייט איבער גאנץ מאקעדאניען און שפעטער אויך איבער'ן גאנצען באלקאן.

די דאזיגע ארגאניזאציע וויל אזוי ארום ווערען א פעראייניגונג פון אלע יודען פון באלקאן און זיי פעראייניגען ווי פערטיידיגען זייערע רעכט און צו בעשיצען זייער לאגע נעגען אלע בייזע ווינדען.

די סאלאניקער יודען לעגען גרויסע האפנונגען אויף דער דאזיגער ארגאניזאציע, דען די קראפט פון פעראייניגונג קאן ווירקליך וואונדער בעווייזען אויפ'ן באלקאן.

ווען די גריכען אין סאלאניקי האבען ארויסגעריסען פון די יודישע הענד פערשיעדענע צווייגען פון פרנסה איז עס נישט געווען מיט זייער איינענער קראפט, מיט זייערע פערזענליכע פעהיגקייטען, נאר מיט דער הילף פון דער רעגירונג, וועלכע האט זיי ארגאניזירט און געשיצט.

וועלען די יודען זיין פעראייניגט און א מעכטיגע ארגאניזאציע וועט זיי שטיצען—וועלען זיי לייכטער קאנען איינהאלטען זייערע פאזיציעס, וועלכע גליטשען זיך ארוים פון אונטער זייערע פיס...

בכלל, איז אין סאלאניקי צווישען דער יודישער בעפעלקערונג צו בעמערקען א גרויסען אינטערעס צו געזעלשאפטליכער ארבייט און א שטארקע נאציאנאלע אויפלעבונג.

אפילו די יודישע טעכטער פון סאלאניקי, וועלכע זענען דאך בעוואוסט מיט זייער אסימילירטען גייסט, האבען אויך זיך דערמאהנט, אז זיי געהערען צום יודישען פאלק און די טעג איז געגרינדעט געווארען אין סאלאניקי א פעראיין „בנות ישראל", וועלכער וועט זיך געפינען אונטער דער פיהרונג פון דער סאלאניקער „בני ברית" אבטהיילונג.

אין זייער אויפרוף, וואס דער פעראיין האט ארויסגעלאזט ווערט געזאגט:

„מיר בעהערען זיך מיטצוטהיילען, אז אונטער דער אויפזיכט פון „בני ברית" האבען מיר געגרינדעט אין סאלאניקי א פעראיין פון יודישע פרויען מיט'ן צוועק אויפצוהויבען די יודישע פרוי מאראליש און מאטעריעל, אונזער פעראיין וועט זיך פערנעהמען מיט די אנגעלעגענהייטען פון ערציהונג און פון צדקה און ער וועט הייסען „בנות ישראל". דער נאמען איז אונזער פראגראם, ווייל ער מערקט פאר אונז אן דעם וועג, אויף וועלכען מיר וואלען געהן, מיר האלטען פאר א נויטווענדיגקייט אין אונזער פעראיין פארטצוזעצען די יודישע טראדיציעס און אויפצוהאלטען אונזערע נאציאנאלע אייגענטימער".

א זעלכע ווערטער הערט מען צום ערשטען מאל אין סאלאניקי פון יודישע פרויען.

און דאס אלץ איז געשאפען געווארען אונטער די צרות, וואס די סאלאניקער יודען האבען לעצטענס דורכגעמאכט.

קיין שלעכטס אהן גוטס איז אויך נישטא...

מ. ז.

יודישע ארבייטער אין די „קוילען־גרובען".

(א בריעף פון קאטאוויץ).

די פראפעס. וואס מען האט געמאכט מיט א יאהר צוויי צוריק צו געבען יודען ארבייט אין די קוילען־גרובען אין אבער־שלעזיען, אין דער געגענד ארום קאטאוויץ, האבען זיך צום טייל איינגעגעבען. פון די יודישע ארבייטער, וואס מ'האט ארויסגעשיקט פון לאדז, האט מען אפילו די ערשטע צייט קיין גרויס נחת נים געהאט. דאס רוב פון זיי האבען זיך אנגעהויבען צולויפען אין עטליכע טעג ארום ווי זיי זענען נאר אנגעקומען; א טייל איז אוועק קיין אמעריקא אדער ערגיץ אנדערשוואו און דער גרעסטער טייל האט זיך אומגעקעהרט צוריק קיין לאדז. איינינע פון זיי זענען ווירקליך נים מסוגל געווען צו דער ארבייט אין די גרובען. א געוויסע צאהל איז אבער דאך פערבליעבען, שפעטער זענען איינצינווייז צוגעקומען נאך עטליכע, וועלכע האבען געארבייט ביז דער לעצטער צייט. אמטייטטען זענען געקומען יודישע ארבייטער פון פעטראקאווער גוב. פון בענדינער ראיאן, און פון די ארומיגע שטעדטלאך און זעהר פיעל יודען פון גאליציען.

די אדמיניסטראציע פון די קוילען־גרובען איז שטענדיג זעהר צופריעדען מיט די יודישע ארבייטער. בכלל האלט מען זיי פאר ארבייטזאמע, רוהיגע און פערשטענדיגע ארבייטער, און נישט איינמאל איז שוין אויסגעקומען צו הערען וועגען זיי די בעסטע מיינונג פון די דירעקטארען, די פערוואלטונג פון די גרובען האט זאגאר שוין אנגעהויבען צו זוכען יודישע ארבייטער־הענד, און, ווי מען געדענקט, האט זי זיך געווענדעט וועגען דעם צו פערשיעדענע יודישע כלל־טהוער אין גאליציען, לאדז און אנדערע ערטער. אויך האט מען אין קאטאוויץ דעמאלט געגרינדעט א קאמיטעט פון אנגעזעהענע יודישע פערזענליכקייטען, וועלכער האט געהאט די אויפגאבע צו געבען יודישע ארבייטער בעשעפטיגונג אין די גרובען און פיהרען די אויפזיכט איבער זיי, אז זיי זאלען האבען כשר עסען א. אז. וו.

אויף אזא אופן האט זיך א גרופע יודישע ארבייטער איינגעלעבט אין איינינע ארבייט ביי דער נייער בעשעפטיגונג און זיי האבען אויך נים שלעכט פערדינט. מיט אמאל האט זיך די טעג די רעגירונג פון אבער־שלעזיען ארומגעקוקט, אז די ארבייטער זענען יודען און האבען קיין רעכט נים צו וואוינען אין דייטשלאנד. נים קוקענדיג דערויף, וואס די רעגירונגס פארשטעהער האבען ערשט נים לאנג עפענטליך ערקלערט, אז די שטארקע וואנדערונג פון פוילישע ארבייטער איז א גרויסער שאדען פאר דער בארג־אינדוסטריע, ווייל מיט די ארבייטער איז מען קיינמאל נים זיכער, האט מען דאך איצט אלע יודישע ארבייטער ארויסגעשיקט פון גאנצען אינדוסטריע־ראיאן.

ס'איז נים געווען אפילו ווער ס'זאל זיך משתדל זיין פאר זיי. אויף אזא אופן האבען א גרויסע צאהל יודישע ארבייטער פערלארען אצינד דאס שטיקעל ברויט, וואס זיי האבען אזוי שווער פערדינט. דער גרעסטער טייל פון די ארבייטער האבען זיך אומגעקעהרט קיין גאליציען, די איבריגע געפינען זיך אין סאסנאוויץ און בענדין.

ל. ש.

אנגעקלאגט א גובערנאטאר און א באטשאפטער.

נאך פאר א יאהרען האט ארויסגערופען א גרויסען טומעל די געשיכטע מיט דעם דרעזדענער סוחר וויקטאר רובין, וועלכער האט מיט געוואלד צוגענומען ביי זיין פרוי די צוויי קינדער, מיט וועלכע זי איז געקומען צו איהרע עלטערן קיין ווילנא. איצט שטעלט זיך ארויס, ווי אזוי דאס איז פארגעקומען.

די פרוי ראאיסא באגנוואור פון ווילנא האט מיט 11 יאהר צוריק חתונה געהאט מיט'ן דרעזדענער סוחר וויקטאר רובין. אין איינינע יאהר ארום האט וויקטאר אנגעהויבען צו פיהרען א לייכטזיניג לעבען, האט געוואוינט מיט אנדערע ליעבהאבערינס און מיט איינער פון זיי זאגאר געהאט קינדער.

די פרוי ראאיסא האט דאן גענומען איהרע צוויי קינדער. א צעהן־יעהריגען זוהן און א 6־יעהריגע טאכטער, און מיט זיי געקומען קיין ווילנא צו איהרע עלטערן.

דערוויסענדיג זיך וועגען דער געשיכטע, האבען רובינ'ס פריינד אין דרעזדען איהם אנגעהויבען אויסצומיידען, כדי זיך גערעכט צו מאכען פאר דער געזעלשאפט, האט רובין אנגעקלאגט זיין פרוי פאר אנטלויפען מיט זיינע קינדער. רובין איז געווען אין פריינדליכע בעציהונגען מיט'ן רוסישען באטשאפטער אין דרעזדען, באראן פאן וואלף. ער האט זיך צו איהם געווענדעט, אז ער זאל איהם העלפען אפנעהמען די צוויי קינדער ביי דער פרוי אין ווילנא. דער באטשאפטער האט רובינ'ען געגעבען א בריעף צום ווילנער גובערנאטאר ווערעוואקין און איהם געבעטען, אז ער זאל בייהילפיג זיין רובינ'ען.

רובין איז אין פאריגען יאהר געקומען קיין ווילנא, זיך געווענדעט צום גובערנאטאר מיט'ן בריעף פון וואלף. דער גובערנאטאר האט דאן ארויסגעגעבען א פעראדנונג צו ארעסטירען די פרוי ראאיסא רובין און די קינדער צוריק איבערגעבען דעם מאן וויקטאר רובין.

דער גובערנאטאר האט גלייכצייטיג אויף טעלעגראפיש אנגעפראגט אין פעטערבורג ביים אינערן־מיניסטעריום, צי האט דער דרעזדענער סוחר וויקטאר רובין דאס רעכט אפצונעהמען די קינדער פון זיין פרוי אין ווילנא, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס דאס אינערן־מיניסטעריום האט געענטפערט, אז מ'זאל די פרוי ראאיסא נישט ארעסטירען און די קינדער ביי איהר נישט צונעהמען, האט דער גובערנאטאר דאך מיטגעווירקט, אז מ'האט די קינדער ביי דער מוטער אבגעריסען און זיי איבערגעגעבען רובינ'ען, וועלכער האט זיי ארויסגעפיהרט קיין אויסלאנד.

פרוי ראאיסא רובין האט אנגעקלאגט איהר מאן אין דרעזדענער געריכט און צום רוסישען אויסערן־מיניסטער זיך געווענדעט מיט א ביטע, אין וועלכער זי בעשרייבט די גאנצע אונגעזעצליכקייטען פון באטשאפטער באראן פאן וואלף און דער ווילנער גובערנאטאר ווערעוואקין.

דער אויסערן־מיניסטער האט ארויסגעפאדערט פון באטשאפטער ערקלערונגען און דעם ווילנער גובערנאטאר ארויסגערופען קיין פעטערבורג אין דער אנגעלעגענהייט.

פרוי ראאיסא'ס פערטיידיגער פערסאן האט בעשלאסען אנצוגעבען א אנקלאגע אין סענאט אויף די אונגעזעצליכע טהאטען פון באטשאפטער און גובערנאטאר.

א רעטזעלהאפטער זעלבסטמערדער.

מיט א חודש צוריק האט זיך בעזעצט אין פעטערבורגער מעבלירטע צימער'ן „ראסיא" דער 28־יעהריגער פויער אלעקסיי אפאריו. דעם 7־טען יוני האט די אדמיניסטראציע פון די מעבלירטע צימער'ן איהם דערלאנגט א רעכנונג, אז ער זאל בעצאהלען פאר דער צייט, וואס פון איהם קומט. אפאריין האט דאן געענטפערט, אז ער האט נישט די מעגליכקייט צו בעצאהלען, ווייל ער איז אין א נעגענטער לאגע און ער מוז בעגעהן זעלבסטמארד.

די אדמיניסטראציע האט וועגען דעם צוויסען געטהון דער פאליציי, וועלכע איז ביי נאכט געקומען צו איהם אין צימער אריין, נור ער האט פערזיכערט, אז ער האט נישט בדעה צו בעגעהן זעלבסטמארד.

אויפ'ן צווייטען טאג איז ווידער געקומען פאליציי, נאר ער האט געדראהט אלע צו שיעסען, אויב מ'וועט איהם נישט אבלאזען. ווען די פאליציי האט אנגענומען מיטלען איהם צו ארעסטירען, האט ער אויסגעטרונקען עפעס א פליסיגקייט און איז אנידערגעפאלען אויף דער ערד.

מ'האט איהם אין א שווערען צושטאנד אבגעפיהרט אין שפיטאל.

ביי איהם אין צימער האט מען געמאכט א רעוויזיע און געפונען פערשידענע צייכנונגען, ס'ווערט געפיהרט א אויספארשונג.

וועלט־נייעס.

א שיעסעריי אין יוסטיץ־מיניסטעריום.

אין דער געבייד פון פאריזער יוסטיץ־מיניסטעריום איז די טעג פארגעקומען א אויפרעגענדע סצענע. אנ'אנשטענדיג געקליידעטער הערר איז אריינגעקומען אין די ארחאקאטען־אבטהיילונג און געבעטען, אז מ'זאל איהם ערלויבען צו רעדען מיט'ן הויפט־פראקורער לעספין. ווען מען האט איהם געלאזט א ביסעל ווארטען האט ער ארויסגעכאפט א רעוואלווער פון דער טאש און אנגעהויבען צו שיעסען אין אלע זייטען. א 80־יעהריגער דינער איז געלונגען דעם שיעסער צוצוהאלטען. מען האט איהם אפגעפיהרט אין פאליציי, וואו ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז ער איז א גייסטיג־קראנקער.

* *

א מארד און זעלבסטמארד.

די 30־יעהריגע פרוי ראזא בראנק האט זיך געפיהלט פערלאזען פון איהר מאן, וועלכער איז מיט 9 יאהר יונגער פון איהר. טרעפענדיג איהם אויף דער בערלינער אלעע, האט זי איינינע מאל אויף איהם אויסגעשאסען און לייכט פערוואונדעט.

דער פערוואונדעטער מאן האט זי שוין אינגאנצען אנגעהויבען אויסצומיידען און די פרוי איז דעריבער געווען זיכער, אז ער מוז ליעבען אנ'אנדערע. זי האט בעשלאסען צו בעגעהן זעלבסטמארד. צו דעם צוועק האט זי אין דער קיך געעפענט דעם גאז און זייענדיג שוין האלב פערשטיקט, האט זי גענומען דעם רעוואלווער און אריינגעגאנגען אין שלאף־צימער וואו דער מאן איז געשלאפען און ווידער אויף איהם איינינע מאל אויסגעשאסען. ער איז געבליעבען ליגען אין בעט אין א בעוואוסטלאזען צושטאנד.

זי איז דאן צוריק אריינגעגאנגען אין די קיך וואו די אויפגעוועקטע קינדער האבען זי געפונען אין א בעוואוסטלאזען צושטאנד ליגענדיג אויף דער ערד. ס'איז אבער געלונגען זי אבצוראטעווען.

די טעג איז פארגעקומען דער פראצעס. זי האט ערקלערט, אז נאכדעם ווי זי איז געווארען האלב־פערשטיקט פון גאז האט זי שוין גאר נישט געוואוסט, וואס מיט איהר איז פארגעקומען. די דאקטוירים האבען דאס זעלבע בעשטעטיגט.

דאס געריכט האט זי פריי געשפראכען.

* *

מ'קאן געהן אין טיעפען וואסער.

אנ'אמעריקאנישער פראפעסאר האט פערעפענטליכט אין די צייטונגען אנ'ארטיקעל, אין וועלכען ער ווייזט אן, אז מ'קאן געהן אין טיעפען וואסער מיט אזא זיכערהייט, ווי אויף דער ערד און אז דאס איז גראד אזוי לייכט זיך אויסצולערנען, ווי צו פאהרען אויף א וועלאסיפעד.

דער פראפעסאר ווייזט אן, אז לויט זיין א ענטדעקונג איז דער מענשליכער קערפער אויף אנ'עלעמענט לייכטער פון וואסער און ער דארף נישט דערטרונקען ווערען. לויט דער סיסטעם פון פראפעסאר קאן אלזא, יעדער מענש געהן טיעף אין וואסער.

* *

ארעסטירט א פערעל־דאקטאר.

שוין פון א לענגערער צייט האט מען אויפ'ן פאריזער מארק פון פערעל־הענדלער געשמועסט אז אין די הענד פון די הענדלער און פריוואט־פערזאנען געפינען זיך זעהר פיעל ווערטפולע פערעל, וועלכע ווערען קינסטליך געפארבט און מען רופט זיי „געדאקטארט".

די לעצטע טעג האט איינער פון די אנגעזעהענסטע פאריזער יובעליר אבגעקויפט פערלען פאר 25 טויזענד מארק. די זעלבע פערל האט ער מיט א קורצע צייט צוריק פערקויפט פאר 7 טויזענד מארק. ער האט די פערל אונטערזוכט און אויסגעפונען, אז זיי זענען „געדאקטירט".

מען האט אין צוזאמענהאנג דערמיט ארעסטירט א אנגעזעהענע פערזענליכקייט, „א פערעל־דאקטאר" און ס'ווערט געפיהרט א גענויע אויספארשונג. קיינער פון די יובעלירען וועט אבער נישט זאגען עדות געגען ארעסטירטען ווייל זיי האבען מיט איהם געהאנדעלט.

די פערפיהרטע מוטער

(30

אדער

די אומגליקליכע טאכטער.

א שפאנענדער ראמאן פון לאדזער לעבען.

ס'איז געווארען א גוואלד און א געשריי. אלע זענען ווי געליימט געווארען פון שרעק.

נאר דארא איז נים צוטומעלט געווארען, זי האט אנגעשטרענגט אלע איהרע כחות און האט איהם אנגעכאפט פאר די הענד. ערשט איצט זענען אונטערגעשפרונגען די אנדערע און האבען ארויסגעריסען דעם מעסער פון דער האנד.

נאר אין דעם אויגענבליק האט זיך מאקס א ווארף געטהון אויפ'ן קינד, וואס איז געלעגען ביי א זייט אין א קישעלע און האט עס געוואלט שטיקען און ווארגען.

אין איין מינוט וואלט ער עס דערשטיקט, ווען דארא'ס שוועסטער וואלט איהם נים א שטויס געטהון מיט אזא קראפט, אז ער איז אבגעטרעטען א פאר טריט, האט זיך אנגעהויבען צו וואקלען און איז אנידערגעפאלען אויף דער ערד.

אין איין אויגענבליק האט ער זיך אבער אויפגעהויבען און ווי א צעווילדעוועטע צעבושעוועטע חיה האט ער גענומען ווארפען און ברעכען אלץ, וואס ער האט נאר געטאפט אין דער האנד אריין.

— איך וועל זיי בעדע אומברענגען! — האט ער געהאלטען אין איין שרייען.

אלע האבען זיך א נעהם געטהון צו איהם און מען האט איהם איבערגעוועלטיגט. פון א צווייטען צימער זענען אויף די געשרייען אנגעקומען ווארשאוויאק און אנדערע, וועלכע האבען גענומען מאקס'ן און איהם אריינגעפיהרט אין זיין קאבינעט.

דא האט מען איהם אניערגעלעגט אויף דער סאפא, און ער איז געבליעבען ליגען ווי א טויטער קוקענדיג מיט'ן שטארען בליק אויפ'ן סופים.

— ער איז משוגע געווארען! האט דארא'ס שוועסטער שטולערהייד א זאג געטהון צו דער מוהמע'ן אבווישענדיג די טרעהרען פון די אויגען.

— יא, ער איז אראב פון זינען,—האט די מוהמע איינגעשטימט.

בעת מ'האט אין א האלבע שעה שפעטער געבראכט א דאקטאר האט ער געזאגט:

— ער איז אין א זעהר געפעהרליכען צושטאנד. מען מוז איהם פערהיטען פון יעדע אויפרעגונג, ביי איהם בעווייזען זיך דייטליכע סמנים פון משוגעת.

מאקס איז שוין מעהר נים ארויסגעגאנגען פון צימער. צוויי מענשען זענען טאג און נאכט ארומגעגאנגען ארום איהם. ער איז געלעגען שווער קראנק.

31. דאס קינד ווערט פערשוואונדען.

אין עטליכע טעג ארום נאך דער סצענע, וואס מיר האבען דא בעשריעבען האט מען שפעט אין אווענד אויף באלוט, אין א פינסטער געסיל, געקענט זעהען א דאמע מיט א יודען, וועלכע זענען געגאנגען טריט ביי טריט איינע נעבען די אנדערע ניט ריידענדיג א ווארט צווישען זיך. דער יוד האט עפים געטראגען אויף ביידע הענד.

זיי זענען צוגעקומען צו א קליין הייזעל, און דא זענען זיי דורכ'ן פינסטערען קארידאר ארויף אין א אויבערשטיבעל, וואו ס'זענען געזעסען אנ'אלטער יוד און א יונג ווייבעל. אין שטוב איז געווען האלב־דונקעל. דער מאטער שיין פון א קליין לעמפיל האט קוים בעלויכטען די דונקעלהייט פון דעם קליינעם שטיבעל.

די דאמע איז געבליעבען שטעהן ניט וויסענדיג וואס צו טהון.

— דאס איז מיין פאטער און מיין פרוי, — האט דער יונגערמאן זיך אנגערופען.

ער האט אוועקגעלעגט די משא וואס ער האט געטראגען אויפ'ן בעט. אין א מינוט ארום האבען זיך אין שטיבעל דערהערט די געשרייען פון א קליין קינד.

— דאכט זיך, אז דער דראשקאזש האט ניט געזעהען, וואו מיר זענען געגאנגען, — האט די דאמע א פרעג געטהון.

— ניין, — האט זי דער יונגערמאן בערוהיגט,— מיר זענען דאך אראב פון דער דראשקע נאך זעהר ווייט... וואו האט ער אונז געקאנט זעהן.

די דאמע איז געזעסען און האט געווארט. אין א קורצע צייט ארום איז געקומען נאך א דאמע—דאס איז געווען פעליא ליבערמאן, דארא'ס פריינדין. מ'האט געזעהען, אז זי איז דא גוט בעקאנט מיט די איינוואוינער פון דעם ארימען שטיבעלע.

— נו, יאנקעל, איהר זענט שוין לאנג דא! — האט פעליא איהם א פרעג געטהון.

— מיר זענען נאר וואס געקומען,—האט ער געענטפערט.

די צווייטע דאמע, פעליא'ס שוועסטער האט קיין ווארט נים גערעדט. איהר געזיכט איז געווען האלב פערשטעלט מיט'ן וועלאן, עפים ווי זי וואלט נים געוואלט, אז די מענשען ביי וועלכע זי געפינט זיך איצט, זאלען זי דערקענען.

— אלזא, מיינע ליעבע,—האט פעליא אנגעהויבען צו ריידען ווענדענדיג זיך צו יאנקעל'ען מיט זיין פרוי,—אט דאס קינד גיט מען אייך איבער צום ערציהען... איהר בעדענקט דאך אליין נאך א קינד וועט דאס קינד זיין אייער קינד.

זי האט א שמייכעל געטהון און איז צוגעגאנגען צום בעט א קוק טהון, ווי אזוי דאס קינד ליגט.

— איהר מוזט עס ערציהען ווי אנ'אייגען קינד,—האט זי ווייטער גענומען ריידען,—איהר מוזט איהם זיין ווי א פאטער און א מוטער. און דערפאר וועט איהר בעקומען גוט בעצאהלט, אבער זעהט, אז דעם קינד זאל גאר נים פעהלען.

— ווער וועט מיר צאהלען,—האט יאנקעל א פרעג געטהון.

— איך האב אייך שוין פריהער געזאגט ווער,—האט פעליא געענטפערט,—דער רייכער לאדזשער באנקיר ארטור פריים.

פאר איינינע חדשים האט איהר שוין בעקומען, און דא האט איהר אויך א צעטיל, און מיט דעם צעטיל קענט איהר זיך שטענדיג מעלדען ביי פריים'ן.

פעליא האט זיך ארומגעקוקט, ווי זי וואלט מורא געהאט, אז א פרעמדער זאל נים הערען זייערע רייד.

— דער עיקר איז,—האט זי זיך אנגערופען,—אז קיינער זאל נים וויסען, וועמעס קינד דאס איז און ווער עס צאהלט דערפאר... און איהר מוזט עס ווען אפהיטען און גוט בעהאנדלען, און וועגען איבעריגען וועלען מיר שוין זעהען...

ביידע דאמען זענען אוועקגעגאנגען.

דארא האט ביי זיך אין דער היים געווארט מיט אונגעדולד אויף פעליא'ן, זי איז געזעסען א פערוויינטע, נעבען איהר די שוועסטער איהרע.

נאכדעם ווי מאקס האט געוואלט דערשטיקען דאס קינד האט דארא און איהרע קרובים בעשלאסען אוועקצוגעבען דאס קינד אנ'אנדערן צום ערציהען, פריים וועלכער האט געוואוסט, וואס דא קומט פאר אין הויז, האט אויך איינגעשטימט דערצו. פעליא האט מיט איהם גערעדט און האט איהם אלץ דערצעהלט.

און אזוי איז געבליעבען, אז דאס קינד זאל מען אבגעבען צו ערציהען פעליא'ס א ווייטען קרוב, יאנקעל דעם וועבער, וועלכער האט געוואוינט אין באלוט, די זאך איז אבגעטהון געווארען אין דער שטרענגסטער געהיימניס, קיינער האט נים געטארט וויסען דערפון.

מאקס'ן האט מען זעהר פארזיכטיג דערצעהלט, אז דאס קינד איז געשטארבען, ווארשאוויאק'ן האט מען אויך געזאגט דאס זעלביגע, מ'האט איהם זאגאר געוויזען דעם יוד, וואס האט בלומר'שט אוועקגעטראגען דאס קינד אויפ'ן בית־עלמין צו בעגראבען.

בעת ווארשאוויאק איז אין א פייער טאג ארום געזעסען ביי מאקס'ן אין צימער האט ער בעמערקט אויף איהם עפים א מין פרעהליכקייט. ער איז געווען צופריעדען, וואס די זאך האט זיך אזוי געענדיגט.

— וואס טהוט זי, דארא ?—האט ער זאגאר ווארשאוויאק'ן א פרעג געטהון,—איז זי געזונד ?

ביסלעכווייז האט מאקס אנגעהויבען זיך צו בעסערן אין געזונד.

(פארזעצונג קומט).

וואס הערט זיך אין לאָדז.

וועגען לאָדזער גובערניע.

אונזער „ידיעה", אז אין די רעגירונגס-קרייזען האט מען בעשלאָסען צו גרינ-דען אין לאָדז א גובערניע, בעשטעטיגט זיך איצט.

ווי די פעטערבורגער צייטונגען מעל-דען, וועט אריבערגעטראָגען ווערען קיין לאָדז נישט די קאַלישער נאר די פעט-ריקאָווער גובערניע. די טעג וועט שוין די פראגע אריבערגעטראָגען ווערען אין מיניסטאָרען-קאבינעט און דו וועט אויך ענדגילטיג בעשלאָסען ווערען.

אין די פאָליטישע קרייזען שמועסט מען, אז די פראגע ווערט איצט גע-שטעלט אויף דער טאגעס-אָרדנונג און וועט אויך דורכגעפיהרט ווערען אונטער דער ווירקונג פון ווארשויער גענעראל-גובערנאטאר זשילינסקי. וועלכער איז א גרויסער אנהענגער פון לאָדזער גו-בערניע.

דער ווארשויער גענעראל-גובערנא-טאָר זאל האָבען ערקלערט, אז אזא וויכטיגער אינדוסטריע-צענטער ווי לאָדז מוז האָבען א גובערניע און אז די איצ-טיגע גובערניע אין פעטריקאָוו איז פאר לאָדזער פאבריקאנטען שטארק אונ-בעקוועם.

דער ווארשויער גענעראל-גובערנאטאר זאל האָבען אויסגעארבייט א ספּעציעלען מעמאָריאל וועגען דער פראגע, עס אריבערגעשיקט קיין פעטערבורג און דאָס האט אויך געווירקט, אז די פראגע זאל די טעג אריינגעטראָגען ווערען אין מיניסטערען-קאבינעט.

ווי מיר דערוויסען זיך אויך, וועט די טעג דער ווארשויער גענעראל-גובער-נאטאר בעזוכען אונזער שטאָדט און דער דאָזיגער בעזוך שטעהט אויך אין צוזאמענהאנג מיט דער פראגע וועגען לאָדזער גובערניע.

— לויט די לעצטע ידיעות וואס זענען אנגעקומען פון פעטערבורג, האט מען בעשלאָסען אין די רעגירונגס-קרייזען אריבערצופיהרען די קאלישער גובערניע קיין לאָדז.

די „נאָוועטא קאַלישסקא", ווידער לייקענט אב אלע קלאנגען וועגען דעם, אז מען וועט די קאַלישער גובערניע אריבערטראָגען קיין לאָדז.

א גרוש.

(ש) די קריסטליכע איינוואוינער פון דער גמינע גאלאָנאָגי, בעזונדער איצער וועלכע איז איינע פון די הויפט-סטאנציעס אויף דער דאמבראָווער - איוואַנגראָדער צווייג-ליניע פון דער וויסקעל-באהן און איז בעוואוינט פון זעהר פיעל יודען,— זענען איינגעקומען מיט א השתדלות אין דער פויערים-קאָמיסיע ביי דער פעט-ראָקאָווער גובערנסקע פערוואלטונג, אז מען זאל זעהען ארויסשיקען אלע יודען פון גאלאנאגי און דער אומגע-גענד, מאָטיווירענדיג זייער ביטע, אז די יודען וואוינען דאָרטען ניט געזעצ-ליך, ווייל גאלאנאגי געפינט זיך אויף „פויערישער-ערד".

מיט א געוויסער צייט צוריק, האט מען לויט א השתדלות פון די זעלבע איינוואוינער ארויסגעשיקט איינינע יודישע פאמיליעס, וועלכע האָבען אין גאלאָ-נאגי אפגעלעבט צעהנדליגער יאהרען נאר א געוויסע טהייל איז צוליעב זייערע רעכטע פערבליעבען וואוינען ווייטער.

איצט פערלאנגען די „בויקאָטיסטען" אז מען זאל אויך ארויסשיקען די יודען.

אויב דער אנטיסעמיטישער בעשלוס, וועלכער איז אנגענומען געוואָרען דורך די „בויקאָטיסטען" אויף דער גמינע-פערזאמלונג וועט דורך דער פויערים-קאָמיסיע בעשטעטיגט ווערען, דראָהט ביז 60 יודישע פאמיליעס פאלשטענדיג רואינירט ווערען.

פון קליין-קרעדיט.

אויף דער לעצטער זיצונג פון דעם גובערנסקען קאָמיטעט פאר קליין-קרע-דיט האט מען בעשטעטיגט דעם אוס-טאוו פון א יודישער לייה-און שפאר-קאסע אין קרושעוויץ און פון א לייה-און שפאר-קאסע אין דארף סענדזשע-יוויש, לאסקער אויעזד; א חוץ דעם איז ערלויבט געוואָרען דער קאנסטאנ-טינאָווער לייה-און שפאר-קאסע אויפצו-הויבען דעם קרעדיט פון 600 אויף 800 רובל.

די אפיציעלע פערמאכונג פון דריי היעסיגע ספּאָרט-פעראיינען.

אזוי ווי די היעסיגע פערמאכטע ספּאָרט-פעראיינען: „לאָדזער ספּאָרט-און טורן-פעראיין", „קראפט" און „איניגע" האָבען נישט פראָטעסטירט געגען בעשלוס פון דער גובערנסקער קאָמיסיע, אז מען זאל די פעראיינען פערמאכען האט די גובערנסקע קאָמיסיע שוין אפיציעל בע-שלאָסען צו פערמאכען די פעראיינען און פעראָרדנעט דער לאָדזער פאליציי-מייסטער לאקאלען צו שליסען און אלע ביכער און דאקומענטען צו קאָנפיסקירען.

די ערעפנונג פון דער ביבליא-טעק ביים „קאמי-פעראיין".

(ג) נעכטען אין אָווענד איז אונטער'ן פאָרזיץ פון פרעזעס פון „יודישען קאמי-פעראיין" ה' טראוב אין פעראיינס-לא-קאל (וואָלטשאנסקא 21) פאָרגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון דער ביב-ליאטעק, וואס איז געגרינדעט געוואָרען ביי'ם פעראיין. די ערעפנונג פון דער ביבליאטעק איז אריבער זעהר פייערליך, עס האָבען געהאַלטען בעגריסונגס-רע-דעס פארשטעהער פון פערשידענע היעסיגע קולטורעלע און פראָפעסיאָנעלע פעראיינען, ווי פון „יודישען לעהרער פעראיין", „קאמי פעראיין" (פראָמענא-דען 21), „הזמיר", „הארפע", „ט. ק. א.", „טעקסטיל ארבייטער-פעראיין", א. אז. וו. אויך האָבען געהאַלטען בע-גריסונגס-רעדעס פיעל מיטגליעדער. ס'זענען אנגעקומען פיעל בעגריסונגען פון אבוועזענדע מיטגליעדער, פון אונ-זער רעדאקציע און פיעל אנדערע.

די פייערונג צוליעב דער ערעפנונג פון דער רייכער און נוצליכער ביבליא-טעק האט זיך פערצויגען ביז שפעט אין דער נאכט.

אויספיהרליכער—מאָרגען.

די נארטען-פערוויילונג פון די קאמיוואיאזשארען.

די יעהרליכע טראדיציאָנעלע נאר-טען-פערוויילונג, וואס דער קאמיוואיא-זשארען-פעראיין אָרדענט איין צו פער-שטארקען די מיטלען פון זיינע אונטער-שטיצונגס-קאסעס וועט היי-יאהר פאָרקו-מען זונטאג דעם 19-טען יולי אין הע-לענהאף.

דאס פראָגראם פון דער דאָזיגער נארטען-פערוויילונג, וועלכעס וועט זיין אויסגעהאלטען אין שפּאנישען סטיל, וועט זיין רייך און מיט פיעל איבערא-שונגען צוזאמענגעשטעלט.

די פערוויילונגען פון די קאמיוואיא-זשארען האָבען שוין א שם אין אונזער שטאָדט אלס די שענסטע און אָריגי-נעלסטע און מען דארף ערווארטען, אז די היי-יאהריגע פערוויילונג וועט זיין אינטערעסאנט און האָבען ערפאלג.

א גרויסע שטראף אויף א היעגער פירמע.

די היעגע בעקאנטע מאנופאקטור-פירמע „מארקוס קאהן" האט מיט א צייט צוריק אנגענומען ביי דער אינטענ-דאנטור צוצושטעלען צו א געוויסען טערמין א גרעסערן פאסטען סחורה פאר'ן מיליטער.

אזוי ווי די פירמע האט צום בע-שטימטען טערמין די סחורה נישט צו-געשטעלט, איז זי בעשטראפט געוואָרען לטובת דער אינטענדאנטור מיט א סומע פון 48,356 רובל 25 קאפ. כדי איינ-צומאהנען די דאָזיגע סומע האט די אינטענדאנטור ארויפגעלייגט אנ'ארעסט אויף די מאשינען און דעם קעסל.

אבגעקויפט א טייערע ענטא-מאלאגישע זאמלונג.

(ג) א דאנק דער איניציאטיווע פון די ה"ה סטאניסלאוו יאראָטשינסקי און סטאניסלאוו ווילבערשטיין איז אבגע-קויפט געוואָרען פאר איינינע טויזענד רובל די טייערע ענטאָמאלאָגישע זאמ-לונג פון רעדאקטאר פון דער היעגער ענטאָמאלאָגישער צייטונג, ה' ערווארד קארב. די געקויפטע זאמלונג איז צום נוצען פון די שילער פון דער „האנ-דעלס-שולע פון דער לאָדזער קויפ-מאנשאפט" איבערגעגעבען געוואָרען אין מוזעאום פון דער דערמאָהנטער שולע.

פון דער שטעדטישער דיזענפעקציע-קאמער.

(ג) די שטעדטישע דיזענפעקציע-קאמער האט פאר'ן לעצטען חודש די-זענפעקציאָנירט 36 לאָקאלען, וועלכע זענען בעשטאנען פון 69 שטובען. די לעצטע זענען דיזענפעקציאָנירט געוואָ-רען דורך פערשידענע אנשטעקענדע קראנקהייטען, ווי פון שקארלאטינע 28 לאָקאלען, פון טיפוסען—8, פאקען—4 און דיזענטעריע 1 לאָקאל. אויסער די לאָקאלען האט די דיזענפעקציע-קאמער סטעריליזירט 1026 שטיקער וועש און בעטגעוואנד.

פון געריכט.

(ג) אין דער צווייטער קרימינאל-אבטהי-לונג פון פעטריקאָווער אָקרוזשני-סוד אין לאָדז זענען דאָנערשטאג צווישען אנדערע בעטראכט געוואָרען פאלגענדע פּראָצעסען: לעאָפאלד אייזעלט און זיגמונד קלושינסקי זענען בעשולדיגט געוואָרען אין אויספיהרען אויפ'ן וועג פון לאָדז קיין רודא-פאביאניץ א דרייסטען רויב-אנפאל אויף דעם קאַלעק-טאָר יוזעף קלוטשאַק, בערויבענדיג איהם אויף העכער 600 רובל. דאס געריכט האט די באנדיטען פערמשפט דעם ערשטען מיט דריי יאהר און דעם צווייטען מיט אנדערט-האלבען יאהר ארעסטאנטען-ראָטע.—אונגאָרן פּוזשעסלאַווסקו איז בעשולדיגט געוואָרען אין וועלען שענדען אויפ'ן נאמען מארק גוטער די 6-יעהריגע אנא טילער. ווייל דער שילער איז נישט פערשטענדליך געוואָרען האט דאס געריכט איהם בעפרייעט.

שלום-עליכם אין פעטראקאוו.

(ש) ווי מיר דערוויסען זיך האט דער בעליעבטער יודישער פאלקס-דיכטער שלום-עליכם בעשלאָסען צו מאכען א טורנע איבער פעטראקאָווער גובערניע, וואו ער וועט בעזוכען די פאלגענדע שטעדט: פעטראקאוו, טשענסטאָכאָוו, בענדין, סאסנאוויץ און טאמאשאוו. וואו ער וועט אפהאלטען פארלעזונגען.

ווי מען רעכענט, וועט שלום-עליכם'ס פארלעזונג אין פעטראקאוו פארקומען דעם קומענדיגען שבת-צונאכטס, אדער פון דעם מאנטאג איבערמארגען.

די דאָזיגע פארלעזונג, וועט זיין די ערשטע יודישע פארלעזונג אין פעט-ראקאוו.

געענדיגטע שילער פון דער האנדווערקער „תלמוד-תורה".

(ג) פון טחנעטונקוט-בעריכט פון פעדא-גאָגישען-ראט ביי דער האנדווערקער „תלמוד תורה" פאר'ן פערגאנגענעם יאהר איז צווי-שען אנדערען צו זעהען פאלגענדעס: צום אנהויב פון פערגאנגענעם שול-יאהר האָבען זיך אין דער עלעמענטאר-אבטהיילונג ביי דער שולע געפונען 751 שולער און צום סוף פון שול-יאהר 703 שולער. אויבערגאנגען און הייבערע קלאסען זענען 360 שולער. געענדיגט די שולע האָבען 84 שולער. פון די 90 שילער האט געפונען זיך און די פון דער שולע עקזיסטירענדע האנדווערקער-אבטהיילונגען האָבען געענדיגט די עלעקטרא-מעכאנישע אבטהיילונג 8 שילער און די וועבער-טעכנישע אבטהיילונג 13 שולער. די אווענד-קורסען פאר האנדווערקער האָבען בעזוכט 60 שולער. צום נוצען פון די שי-לער האט מען אין פערגאנגענעם יאהר אויך איינגעפיהרט פאר זיי טירן-אובונגען. דער אויסהאלט פון פערגאנגענעם יאהר אויף דער שולע האט בעטראָגען הייבער 54 000 ר. אויפ'ן אויסהאלט פון נייעם שול-יאהר איז בעשטימט געוואָרען סום 4000 רובל מעהר ווייל ס'ווערען געעפנעט דריי נייע קלאסען.

דער פייערליכער שול-אקט אין האנדווערקער ת"ת.

מארגען, מאנטאג, דעם 29 יוני, 11 א זייגער אין דער פריה וועט אין דער האנדווערקער „תלמוד תורה" פארקומען דער פייערליכער שול-אקט פון דער פאלקס-שולע און דער האנדווערקער שולע פון דער געזעלשאפט „תלמוד-תורה".

די מיטגליעדער ווערען איינגעלאדען צו דעם דאָזיגען פייערליכען שול-אקט.

צום רויב-אנפאל אויפ'ן יוד גרינבוים.

ווי מיר האָבען שוין אין פרייטאג'ס דיגען נומער קורץ מיטגעטיילט, איז בעת א רויב-אנפאל אויף שרעדניא 111 שווער פערוואונדעט געוואָרען דורך רע-וואלווער-שאסען דער יוד מרדכי גרינבוים.

וועגען די אומשטענדען, ביי וועלכע גרינבוים איז פערוואונדעט געוואָרען און ווי אזוי די רויבער האָבען זיך ארייַנ-געקריגען צו איהם אין וואוינונג מעלדעט מען אונז מיט פאלגענדע איינצעלהייטען: גרינבוים וואוינט אויף שרעדניא 111.

דעם פערגאנגענעם דאָנערשטאג ארום איינס א זייגער ביינאכט, ווען אין גרינ-בוים'ס וואוינונג זענען שוין אלע גע-שלאפען, האט זיך גרינבוים'ס פרוי, גאלדע, פלוצלונג אויפגעכאפט פון שלאף צוליעב'ן גערויש, וואס זי האט דערהערט אין איהר וואוינונג. פלוצלונג האט זי דערזעהען, ווי דורכ'ן פענסטער האט זיך ארייַנגעכאפט אנ'אומבעקאנטער, וועלכער האט געעפענט דערנאך די טיר פון וואוינונג און ארייַנגעלאזט א צווייטען אומבעקאנטען.

די איבערגעשראקענע פרוי האט זיך גענומען בעטען, אז זיי זאלען פערלאזען די וואוינונג, ווייל זיי זענען ארימע מענשען און מוזען ארבייטען ביי יעגעם א שטיקעל ברויט צו פערדינען. אלס ענטפער האט איינער פון די באנדיטען ארויסגעכאפט א רעוואלווער און גענומען דראָהען זי צו דערשיסען, ווען זי וועט נישט שווייגען. זיי האָבען אויף איהר אנגעוואָרפען אזא שרעק. אז זי האט געשוויגען און די באנדיטען געלאזען רויבען, וואס זיי וועלען נאר וועלען...

די באנדיטען האָבען דערווייל אנגע-צונדען א לאמפ און גענומען רעווידירען די וואוינונג. בעת די רויבער האָבען זיך געפונען ביי דער שאנק און פון דארט ארויסגעוואָרפען די זאכען האט זיך פון שלאף פלוצלונג אויפגעכאפט גרינבוים אליין. דערהערענדיג א גערויש אין דער וואוינונג האט ער אויסגעשריגען צו זיין ווייב:

— „גאלדע וואס איז געשעהען?"

אין זעלבען מאמענט האט זיך דער-הערט א שאס און ג. איז געפאלען א צובלוטיגטער אין זיין בעט. די באנדי-טען זענען דערויף ארויסגעשפרונגען דורכ'ן פענסטער און גענומען אנטלויפען. א שווער פערוואונדעטער האט זיך ג. ארויסגעקריגען פון זיין געלעגער און געוואלט נאכלויפען די באנדיטען. צו-לויפענדיג אבער ביז'ן פענסטער איז ער אנידערגעפאלען אין חלשות.

די באנדיטען זענען דערווייל אנטלאָ-פען דורכ'ן האלץ-סקלאד צו דער זא-גאיניקאווא גאס און פערשוואונדען גע-ווארען. אריבערקריכענדיג דעם פארקאן האָבען די באנדיטען נאך איינינע מאל אויסגעשאסען אין דער לופט.

פון דער שיסעריי האָבען זיך אויפ-געכאפט גרינבוים'ס קינדער און אויך פיעל הויז-שכנים. צום פערוואונדעטען האט מען ארויסגערופען די פאגאטאוויע פון „לינת הצדק" און אויך די שטאָדט-פאגאטאָוויע. שפעטער האט מען דעם שווער פערוואונדעטען אבגעפיהרט אין פאזנאנסקי'ס שפיטאל. אין שפיטאל האט מען איהם נישט געוואלט ארייַננעהמען און די פאגאטאָוויע האט איהם געמוזט אבפיהרען אין קאַנאנלישען שפיטאל אויף טראַקטא גאס.

אויפ'ן ארט פון אנפאל איז דערווייל אנגעקומען א גרויסע פאליציי-אבטהיילונג און געהיים-פאליציי. מען האט אנגעווענ-דעט אלע מיטלען די באנדיטען צו ארעסטירען, נאר קיינעם איז דערווייל נישט געלונגען צו געפינען. די אנגע-קומענע געהיים-אגענטען האָבען נאר פעסטגעשטעלט, אז די באנדיטען האָבען צוגערויבט איינינע פלאטין-געגענשטענ-דע און זענען אנטלאפען דורך דער זאגאיניקאווא גאס.

דער פערוואונדעטער גרינבוים איז אלט 46 יאהר. זיין לעבען איז אין גע-פאהר, ווייל די קויל איז איהם געבליע-בען אין ברוסט. (ג)

דוד קליגער — פריי געשפּראָכען.

(ג) אין דער צווייטער קרימינאל-אב-טהיילונג פון פעטריקאָווער אָקרוזשני-סוד, וועלכע איז געקומען קיין לאָדז איז פרייטאג בעטראכט געוואָרען דער בע-וואוסטער פראצעס געגען דוד קליגער, וועלכער איז אנגעקלאגט געוואָרען, אז ער האט זיך בעטהייליגט אין דער אונ-טערצינדונג פון זיין ברודער'ס פאב-ריק אויף סטוגאָווא 12.

דער דאָזיגער פראצעס האט ארויס-גערופען א גוואלדיגען אינטערעס אין לאָדז און דער געריכטס-זאל איז פריי-טאג געווען פול מיט א גרויסען נייגי-עריגען פובליקום.

פון די פיעל עדות האט מען איי-ניגע נישט צוגעלאזט, ווייל זיי זענען קרובים פון אנגעקלאגטען. די איבעריגע עדות שווערען און דאן ווערט פארגע-לעזען דער בעשולדיגונגס-אקט, לויט וועלכען דוד קליגער ווערט אנגעקלאגט אלס שולדיג אין בעטהייליגען זיך אין דער דערמאָהנטער אונטערצינדונג.

נאכ'ן פארלעזען—פון בעשולדיגונגס-אקט הויבט מען אן אויסצוהערען די פיעל עדות.

מען הערט אויס דעם בעזיצער פון דער פאבריקס-געביידע, פריידריך שולער, דעם פאבריק-מייסטער פראנץ דאלעצקי, דעם מייסטער ווילהעלם ריכטער, איינינע ארבייטער, אינספעק-טאָרען פון די פערזיכערונגס - געזעל-שאפטען, דעם געוועזענעם געהילף-פריסטאוו זשאביצקי א. אז. וו.

כמעט אלע עדות זאָגען זיך ארויס לטובת דעם בעשולדיגטען, אנוויזענדיג, אז ער איז בלויז געווען אויף דער פאבריק א בוכהאלטער און האט אין געשעפט זיך נישט בעטהייליגט.

וויכטיג פאר'ן בעשולדיגטען זענען געווען דאס עדות-זאגען פון ה' סענדער ווינאגראד פון ווארשוי און פון דוד קאהן פון קאליש, וועלכע האָבען בע-שטעטיגט, אז פאר דער שרפה איז ער געווען אין ווארשוי און בעת דער שרפה—אין קאליש.

נאך די רעדעס פון פראָקוראר, וועל-כער פערלאנגט די העכסטע שטראף פאר'ן אנגעקלאגטען און דער רעדע פון פערטיידיגער, אדוואקאט ציבולסקי נעהט דאס געריכט אוועק אויף א בע-ראטונג און טראגט ארויס זיין אורטייל, לויט וועלכען דער אנגעקלאג-טער דוד קליגער איז אנער-קענט געוואָרען פאר אונ-שולדיג אין בעטהייליגען זיך אין דער אונטערצינדונג און איז בעפרייט געוואָרען.

פערשיעדענעס.

די ספּעציעלע גובערנסקע קאמיסיע. וואס האט בעזיכטיגט דעם לאָקאל פון פאָליצייממייסטערס קאנצעלאריע האט איינגעפונען, אז די קאנצעלאריע קאן בלייבען אין זעלבען לאָקאל, נאר עס מוז געמאכט ווערען איינינע ענדערונגען.

— דאס קאָנסארציום פון דער היע-גער גאז-אנשטאלט האט בעשלאָסען אויסצוצאהלען די אקציאָנערען פאר'ן יאהר 1913 16 און האלבען פראָצענט.

— א בעקאנטער ווארשויער זשורנא-ליסט האט זיך געווענדעט צום פעטרי-קאָווער גובערנאטאר מיט א ביטע, אז מען זאל איהם ערלויבען ארויסגעבען אין לאָדז א פוילישע צייטונג אונטער'ן נאמען „גלאס לודזקי".

— דער שטאָדט-פרעזידענט האט דער-האלטען א ידיעה פון פעטערבורג, אז דאס מיניסטעריום האט ערלויבט צו אסיגנירען 20,000 רובל אויף צו רע-נאווירען דעם מאגיסטראט-לאָקאל.

— לויט דער פעראָרדנונג פון אינ-ספעקטאר איבער פרעסע-ענינים איז קאָנפיסקירט געוואָרען די נומער 142 פון „נאָווי קוריער לודזקי" פאר א לייט-ארטיקעל.

— אין דיענסט - אנגעלעגענהייטען זענען קיין לאָדז געקומען דער סלע-דאָוואטעל פאר בעזונדערס וויכטיגע ענינים ה' שוץ און דער געהילף-פראָ-קוראר קאטראנאָווסקי.

— דער שטרייק אויף דער פאבריק פון „שוץ און האמפעל" (פוסטא 10) האט זיך געענדיגט און די ארבייטער זענען צוגעטראָטען צו דער ארבייט.

— איינינע באלוטער איינוואוינער זענען זיך משתדל וועגען לעגאליזירען א טורן-פעראיין אונטער'ן נאמען „פאלמע".

— דער פעטריקאָווער גובערנאטאר האט ערלויבט ה' ירוחם טאבאלסקי צו גרינדען א צווירנעריי אויף ציגעל נאס 64

— בעת דער ויצע-גובערנאטאר גענעראל-מאיאר פארטווענגלער איז געווען דאנערשטאג אין לאָדז, האט ער געהאט בעזוכט די קאנצעלאריע פון אויעזדנעם נאטשאלניק.

— (ג) לויט דער פעראָרדנונג פון היעגען פאליצייממייסטער איז פערבאָטען געוואָרען די בעאמטע וואס זענען בע-שעפטיגט אין זיין קאנצעלאריע און אויף די פאליציי-אוטשאסטקעס, זיך צו בעשעפטיגען מיט פיהרען מעלדע-בי-כער אין פריוואט-הייזער.

א נייע אקציע-געזעלשאפט.

ווי מיר דערוויסען זיך, וועט די בע-קאנטע היעגע בוימוואל-שפינעריי-פירמע „קארל קרעניג און קאמפ." אין ניכען אריבערגעהן אין אנ'אקציענגעזעלשאפט מיט א גרונד קאפיטאל פון 1.800,000 רובל די הויפט-אקציאָנערען זענען: קארל קרעניג, עמיל אייזערט, קארל אייזערט און יאהאן שולץ.

געכאפט די באנדיטען פון די דאטשעס.

ווי מיר דערוויסען זיך, האט זיך דער פאליציי איינגעגעבען צו ארעסטירען די באנדיטען, וואס זענען מיטוואך אין איזענער אנגעפאלען אויפ'ן באהן-וועכטער און אויף די דאטשעס אין אנדרושעיעוו.

אין דער נאכט זענען אנגעקומען גרע-סערע פאליציי-אבטהיילונגען פון קאלושקי און ברושעזשין און ארומגערינגעלט אלע וועלדער ארום אנדרושעיעוו. בעת די גרויסע אבלאווע האט מען פערהאלטען איינינע פערדעכטיגע פערזאנען, וועלכע מען האט געבראכט אויפ'ן וואקזאל קיין אנדרושעיעוו, אז מען זאל זיי דערקענען. די בעראבעוועטע דאטשניקעס, ווי אויך דער באהן-וועכטער האָבען די באנדי-טען נישט געקאנט דערקענען.

מען האט דאן גענומען זיי רעווידירען און ביי איינעם פון זיי געפונען א גאנץ זעקעל מיט געלד, וואו עס איז אויך געלעגען א פאלשער רובל, וואס די באנדיטען האָבען צוגענומען ביי'ם נאכט-וועכטער. אזוי ארום האט מען פעסט-געשטעלט, אז דאס זענען די איינינע באנדיטען און מען האט זיי ארעסטירט.

פערלוירענע קינדער.

עס איז אוועקגעקומען א יונגעלע פון 4 יאהר, מיטנים א העלע בלוזע, אהן א היי-טעל. קורץ געשוירען. אבצוגעבען צוענגעל-גאס 49 ביי צוטער.

פון ווארשא.

(דורך טעלעפאן).

דער אורטייל אין פראצעס וועגען די פאלשע אסיגנאציעס.

פרייטאג האלב 4 א זייגער האט דאס געריכט ארויסגעטראָגען דעם אורטייל אין פראצעס פון די הונדערט-רובל-פעלשער.

די ארגאניזאטארען פון דער באנדע אנאיעווסקי, לעוואלר, איוואן פעטיע-ראוו, לוטאווקין און קאלפיאשטשיקאוו, וועלכע זענען אויך אנערקענט געוואָרען פאר שולדיג אין אויסארבייטען פאלשע הונדערט-רובל'דיגע אסיגנאציעס, זענען פער'משפט געוואָרען צו 10 יאהר קא-טארגע און צו פערליערען די רעכט.

פון די איבריגע אנגעקלאגטע זענען 17 פער'משפט געוואָרען צו 6 יאהר קאטארגע און צו פערליערען אלע רעכט, 27—צו 4 יאהר קאטארגע און צו פערליערען אלע רעכט. וולאדימיר קעפ אלס מינדער-יעהר—צו 2 יאהר מיט 8 חדשים קאטארגע און צו פער-ליערען אלע רעכט יאן כלארזינסקי, לעחאנדראָווסקי, יאן מוראוויאוו, יעפים סחינצאוו—צו 2 יאהר מיט 8 חדשים ארעסטאנטסקע ראטע און צו פערליע-רען אלע רעכט און פריוויליגיעס סטאניסלאוו דאמבראווסקי, פיליפ קוו-ניעצוואַ טשיזשיקאוו און קיפריאנאוו— צו 8 חדשים טורמע שאיאפינא איז פער'משפט געוואָרען צו א יאהר טור-מע דערפאר, וואס זי האט נישט גע-מעלדעט דער פאליציי וועגען די פער-ברעכער און אויף 4 יאהר אונטער פא-ליצייאישער אויפזוכט. ווייל מ'האט איהר פערעכענט די צייט, וואס זי איז געזעסען, איז זי בעפרייט געוואָרען. 12 פון די בעשולדיגטע זענען אינגאנצען בעפרייט געוואָרען.

איינינע פון די פער'משפט'ע האָבען דעם אורטייל אויסגעהערט רוהיג, אי-סאיעוו, וועלכער האט זיך געריכט בע-פרייט צו ווערען, האט אנגעהויבען צו ספאזמירען, ווען ער האט דערהערט, אז דאס געריכט האט איהם פער'משפט צו 6 יאהר קאטארגע. די פער'משפט'ע ליטאווקינא איז געפאלען אין חלשות.

דער אורטייל איבערגעהט די שטראף, וואס דער פראָקוראר האט געפאדערט.

רעדאקטאר: י. אונגער.
ארויסגעבער: ע. האמבורסקי, א. מענענבוים.

גרויסעס מעאטער — דיר. י. זאנדבערג.
היינט זונטאג אונאבריפליך פארלעצטער גאסטראל
פון ד. גרויסער קינסטלערין די פון אלען אנערקענטען בעסטע יודישע שוישפּיע-לערין, וועלכע האט זיך ערווארבען א גרויסען נאמען אויף דער אינטער-נאציאנאלער ביהנע
מיסס מאלווינע לאבעל
אום צו נעהמען די מעגליכקייט די ברייטע מאסען די גרויסע קינסטלערין. פאר איהר אבריינע אין איהר קרוין-ראָלע צו בעוואונדערן
ווערט געשפּיעלט נאך איין מאל אלעקסאנדער דיומא'ס מייסטערווערק
די קאמעליענדאמע
מיט דער געפייערטער קינסטל. מיסס מאלווינא לאבעל אין די טיטעלראָלע, וועלכע יאָ אנערקענט געוואָרען פון די אמעריקאנער יודישע און ענגלישע פרעסע אלס די בעסטע „מארגאריטא גאטיע" אויף די יודישע ביהנע.
בעמערקונג: אין אפשיידס-פרעזענט דעם געערטען פובליקום.
יעדער טהעאטער-בעזוכער בעקומט גראטיס א פאטאגראפיע פון דער גרויסער קינסטל. מיסס מאלווינעלאבעל אלס אנדענקען מיט איהר אונטערשריפט
פרייזען געוועהנליכע פון 25 ביז 1 ר' 70 ק.
מארגען מאנטאג 34-טע פאָרשטעלונג פון האנדווערקער-קלוב
אונאבריפליך לעצטער אבשיעדס-גאסטראל פון די געפייערטע קינסטלערין
מיסס מאלווינא לאבעל
אין אלעקסאנדער ביסאָנ'ס דראמע
מאדאם איקס
בילעטען ביי קאסע ... ביז 5 א זייגער אבענדס ... ביי ה' ליקערמאן, דזיעלנא 2.
אנאנס! די טעג ווידער וויכטיגע פרעהליכע נייעס!!

CASINO
דעטעקטיוו ניק ווינטער
אין די געהיימניספאלע באנק!!!

דאס אבפיהרען ווערט
א פערגעניגען.

קלייַן בין גרוים שעצען מיך. איך האָב א גאַנץ איבערקעהרעניש געבראכט אין דעם ארט און מיטלען פון אָבפיהרען. איך, סקאוואולין-גאבלין בין פונקט אזוי אנגענעהם אייַנצונעהמען ווי א צוקער'ל פון דער צוקערניע און מיין ווירקונג איז פונקט אזוי גוט ווי איך אלייִן. איך פיהר אָב אָבער מילד, לייַכט און אננעהמען אָהן צו שטערען אָ־ער עקעל אַרייַנצורופען. 5741

סקאוואולין גאבלין

5740 פערלאנגט נאר
סקאוואולין—גאבלין.

CASINO
ניק ווינטער
3 שלאגער.
גראנדיעזעס 2½ שטונדיגעס פראגראם.
אנפאנג טעגליך אום 8 אוהר נאכמיטאג.
דער דעטעקטיוו־קעניג, אין דעם סענסאציאָנעלען 3־אקטיגען דעטעקטיוו־ראמאן
די געהיימניספולע באנק!!
געוואלטיג־שפאנענדע סצענען!!!
מאקס לינדער (דער לאַך־קעניג) „העננט זיך אויף". אורקאמיש סצענען.
די אַקראבאַטען טרופע „זאלא" האריעטע־נומער. ▣ פאטהע־זשורנאל לעצטע נייעס.
אויסער פראגראם: א צושטערטעס לעבען. שפאנענדעס דראמא אין 8 טיילען. אין אויספיהרונג פון די בעסטע גוימאנט־שוישפילער. ▣ פלימערפרייע בילדער! ▣ געוועהנליכע פרייזען!

SFINKS
הייַנט ביז מאנטאג— גרויסער שלאגער „צינעס"
די צירק־רייטערין
אין דער מאסקע
תאונדערשענעס דראמא פון דעם לעבען פון א שפיאָן אין 6 גרויסע טיילען! קאלאסאל שפאנענד!
די שענע לאנדווירטין ריינענדע קאמעדיע.
גוימאנט־זשורנאל לעצטע נעשעהעניסען.

ODEON
נור ביז מאנטאג אינקלוסיוו.
גראנדיעזעס 3 שטונדיגעס פראגראם.
5. ראבין, די שעהנסטע שוישפילערין פון דער וועלט. ה'. אלעקסאנדער און ה' סיגנארעט אין די 4 אקטיגע סענסאציאָנעלע דראמא
דער גאלעריע־קעניג
פון לעבען פון א פער־אורטיילטען.
דער נעפפע פון הימעל א זעלטענע קאמעדיע. קינסטלערישע היהנערצוכט נאטור. גוימאנט־זשורנאל לעצטע געשעהעניסען.
אויסער פראגראם: א רעטזעלהאפטער פאל שפאנענדעס דעטעקטיוו־דראמא אין 3 טיילען. אויסנעם, פון דער זעלבער פירמא ווי „פאנטאמאס". געוועהנליכע פרייזען. אנפאנג טעגליך 8 אוהר.

אדוואקאט
נ. ווייַנבערג
77 דלוגא 77
עמפפאנגט נור פון 5 ביז 8 נאכמיטאג. 5006 8
8. א אויך מיליטערוואלען און אלער ארט שתדלות אין אלע רעגירונגס־אנשטאלטען.
פון 1/14 יולי: נאוואמיעסקא № 5

לייענט און אמוזירט זיך!
צוליעב דער גרויסער נאכפראגע איז ערשינען אין א 2־טער אויפלאגע
„מגילת־דאטשע"
פון י. אונער
העכסט־געלונגענע הומארעסקען, וואו ס'ווערען ארויסגעפיהרט אינטערעסאנטע טיפען „לעטניקעס" און א גאנצע רייה קאמישע סצענען פון דאטשע־לעבען.
פרייז 15 קאפ.
צו בעקומען ביי אלע צייטונגס־פערקויפער.

דיבע קאנטע שטעמפעל־פאבריק
פון פ. ה. שטיפט
עמפפעהלט די בעסטע און האלטבארסטע
עמאיל־שילדער
צו זעהר בילינע פרייזען. 5781 12 8
פעטריקויער 66, טעלעפאן 16-30.

ל. א. לוריא
„UNION"
עלעקטרא־טעכנישעס ביורא
ליכט־ אונד קראפט־אנלאגען
לאגער פון מאטארען אונד אלעם צובעהער. # מעסיגע פרייזע.
קאסטען־אנשלעגע גראטיס.
Mikolajewska-Str. № 4, Tel. № 603. 5757 8 4

סאיז ערשינען פון דרוק די צווייטע נומער פון די
ערשטע יודישע ספארט־צייטונג.
מיט זעהר א רייכען אינהאלט.
צו בעקומען ביי אלע צייטונגס־פערקויפער.

Утерянъ паспортъ на имя Якова Борнштейна изъ Калиша, а также 5 векселей:
200 рублей выставл. И. И. Калина, плат. 24/11 ст. ст. Ордра А. Н Либерманъ, жиро Либерманъ.
200 рублей выставл. А. Кутнеръ плат. 6/12 ст. ст. Ордра А. Н Либерманъ, жиро Либерманъ.
200 рублей выставл. И. И. Калина плат. 11/12 ст. ст. Ордра А. Н Либерманъ, жиро Либерманъ.
200 рублей выставл. М. Кристалъ, плат. 18/12 ст. ст. Ордра А. Н Либерманъ, жиро Либерманъ.
250 рублей выставл. М. Рубинъ, плат. 23/12 ст. ст. Ордра А. Н Либерманъ, жиро Либерманъ.
Векселя узнаются недѣйствительными. Отдать за вознагражденіемъ Ш. Рабиновичу, Завадская 44. 898 2 2

אלע ווערען וויסען
וואו איהר וועט וואוינען פון יולי, אויב איהר וועט אנאָנסירען ביי־צייטענס וועגען אייער איבערצוג אין „לאדזער טאגעבלאט", וועל־כעס איז די פערברייטעסטע יודישע פראווינץ־צייטונג און צוגעהט זיך אין לאדז מעהר פון אלע בלעטער צוזאמען.

וואהנונגען צו פערמיעטען
אין פראנמהויז מאניוסטראצקא 8, 1, 2, 3 צימער און קיכע מיט אלע בעקוועמליכקייטען. לופטיגע געגענד, נעבען דער יודישער גימנאזיע.

Dr. med. P. Braun
קרוטקא־שטר. 4, טעל. 85-85
נעוו. אסיסט. פון בערלינער קליניקען ספעציאל־ארצט פיר הויט־ווענערישע־ און געשלעכטס־קראנקהייטען, ספעצ. בעהאנדלונג דעם טריפער און סיפיליס נאך די נייעסטע מעטאדען. עמפפאנגט פון 9—1 און פון 5—9, דאמען פון 3—5. בעזונדערעס ווארטע־צימער. 5568

פון אויסלאנד צוריקגעקעהרט
דר. לעוואקאוויטש
הויט ווענערישע בלאזען־לעדען און מענער שוואכע. ביי סיפיליס 606—914 טריפער־היילונג אָהן שפריצעוואניעס לויט א נייע מעטהאדע) קאנסטאנטינער שטר. 12 נעבען וועלינס מעאטער שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד פון 6—8 נאכמ. דאמען פון 5—6.

Dr. L. Klatschkin
ד"ר ל. קלאטשקין
קאנסטאנטינער 11.
ספעציאל־ארצט פיר הויט און ווענערישע קראנקהייטען, שפרעכשטונדען פון 9 ביז 1 און פון 6 ביז 8 אבענד. פיר דאמען בעזונדערעס ווארטע־צימער פון 5 ביז 6 נאכמ. 15267

דר. ל. פריבולסקי
פאלודניאווא 2, טעל. 13-59.
ספעציאל־ארצט פיר הויט, ווענערישע אור, האאר־קראנקהייטען עם מענער־שוואכע, אויף קאסמעטישע פעלער. בעהאנדלונג פון סיפיליס נאך עהרליך האטא 606־914 אהנע בערופס שטערונג. היילונג מיט עלעקטריציטעט אונד וויבראציאנס־מאסאזש. שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד 4—9. פיר דאמען 5—6 בעזונדער ווארטעצימער.

אין סקלאד אפטעקשנע
10 זאוואדזקא 10 9949
בעקומט מען א ווילערעס מיטעל געגען פערשטאפונג, איין גוטעס מיטעל געגען נערווען און מענער־שוואכע, פלעסטער פאר פרויען, וועלכע ליידען אין פערהערטונג דער ברוסטען און געשווירע, זייף וועלבעס צו קורירען. א ווילערעס מיטעל געגען הינער־אויגען ווי אויך געגען שטינקען פון פיס און הענד, א גוטעס מיטעל געגען האריגע און מאטען צו פערטילגען. אויס׳ם לאגער אימער פרישע אויסלענדישע האספרען אלע וארטען בילינ. טעגליך פרישען קעפיר צו קורירען, אויך גוטע געפאסטע אויסלענדישע גויבביינדען און גוטע געפאסטע ברוכבענדער צו בעקומען בייַ וואלמאן זאוואדזקא 10
אין סקלאד אפטעקשנע
עמפפעהלט פיר גאנצען הונגער פרישען קעפיר. קינדער, וועלכע פערטראגען נישט קען טרען ווירד דורך איין שמעקהאפטען מיטעל קורירט.

ד"ר זילבערשטראם
Dr. J. Silberstrom
שדינ. אים שפיטאל. פון רויטען־קרייץ
12 זאוואדזקא 12
הויט ווענערישע אונד הענערישע קראנקהייטען. (בעהאנדלונג מיט עהרליך־האטא 914—606) ערצטליכע קאסמעטיק. (עגטפערנונג לעבענסגער הארע, פלעקען א. ז. וו. 12—2½ 5—8 וואכענטאג 11—4

אקושעריו־מאסאזשיסטין
דיפלאמירט פון מייזערל. מעדיצין־אקאדעמיע אין פעטערסבורג
נעמט אן מאסאזש, געבארטען הויט־און שפריצונגען, ערטיילט ראטה אונד הילפע נעהמען פערשידענע סקרעטן, ברוסט־ענטוויקלונג.
829 10 3
ענדזשעיע 30. ה. 13. פון 12—8.

ד"ר טראכטענהערץ
Dr. Trachtenherz
זאוואדזקא 6. טעל. 84-76
געוו. אסיסטענט דער פעטערסבורגער ספעציעלען שטאדט שפיטעלע.
ספעציאל־ארצט פיר סיפיליס הויט ווענערישע קראנקהייטען אונד מענערשוואכע, בעהאנדלונג נאך עהרליך האטא 606—914 היילונג מיט עלעקטריציטעט. שפרעכשטונדען פון 8—2 און 6—9 דאמען פון 4 ביז 5. בעזונדערע ווארטע־צימער. 1468

Dr. B. Rejt
שרעדניא 5 — טעלעפאן 83-79.
ספעציאליסט אויף קראנקהייטען: הויט, האר, ווענערישע, געשלעכטס און ערצטליכע קאסמעטיק. היילונג פון סיפיליס מיט סאלווארסאן עהרליך האטא 606 און 914. היילונג מיט עלעקטריציטעט, עלעקטראליז (ענטפערנונג פון האר), בעלויכטונג פון קאנאל (אורעטראסקאפיע). עמפפאנג פון 9 ביז האלב 12 און פון 5—8. זונטאג און פייערטאגען פון 10—2. פאר דאמען בעזונדער ווארטע־צימער. 5416

האט רחמנות.
פרייטאג פריה האט א ארימע יתומה פערלוירען עטליכע 30 רובל געהעריג פון דער שוהל־גאס ביז זגערזשער 8. מען בעט וועד עס האט עס געפונען רחמנות צו האבען היות עס איז שווער פערדינט געלד, און האט געזאלט דינען אויף א חתונה־אויסשטייער. אבצוגעבען זגערזשער 8 אין לעקער־געשעפט.

איבערצוגעבען
אמן גוט אייַנגעפיהרטעס גאלאנטעריע־געשעפט מיט אייַנגעפיהרטע קונדשאפט. צו ערפאהרען בייַ דארענשטיין פאלודניאווא 12 פון 9—10 אבענ.
3 2 890

צור פערלאבונג פון פרעליין
יוטא ביילה גרינבוים
אוים לענטשיץ.
מיט הערן **יעקב שווארצמאן**
אוים לאדז.
גראטולירען הערצליכסט
געברידער קאהן,
געברידער פיטלאוויטש,
און יהודא ליב פידלער.

צו דער פערלאבונג פון מיין ברודער
אלטער אייזענמאן
מיט פרל. **אסתר נאלדשטיין**
וועלכע איז פערגעקומען אין יוני,
ווינשט עהיגעס גליק 5707
שרה אייזענמאן פעטערקאוו.

זאמערוואהנונג!
אין אייגע שעהנער, געזונדער, פרוקענער געגענד, גרויסער סאסנאווע־וואלד, 16 מינוטען רייזע פון לאדז מיט זגיערזשער טראמוויי, סטאציע ארעלמאוויץ זינד נאך צו פערמיעטען, 2 צימער מ. קיכע וועראנדע מעבלירט, וואסערלייטונג. צו ערקונדיגען אויף דעם ארט הילע גלאוויניסקי. ענטוועדער פאנסקא 85 פון 3—5 אוהר ביים ווירטה.
941 3 1

א לעדריונג ווירד געזוכט אין די שילדען־פאבריק פון ק. שלייפמאן, פאלודניאווא שטר. 21.

א שוסטער־בודקע
מיט א מעשין אין גוטען פונקט אבצוגעבען צו פערקויפען. לעשנא 49. 989

Monatlich 500 Mark und mehr kann jede intell. Person von Zimmer aus durch den Vertrieb eines sehr begehrten geschützten Haushalt-Artikels leicht verdienen. Sof. Offerten an Friedr. Bach, Leipzig-Neustadt 66. 5795 1

א פעהיגער יונגע
וועלכער איז בעקאנט אין דער וויינער־מעבער־בראנזשע ווירד געזוכט אין אוהרגעשעפט, זגערזשער 32. 950 1

א ברויטען און קאלאניאל־געוועלב צו־ליעב פאמיליען־אנגעלעגענהייט אי־בערצוגעבען. צו ערפאהרען פרעשיעוד 48 948 1—

איין אנשטענדיג מעדעל
אלס משרת ווירד געזוכט, זיך צו מעלדען חידזווסקא 78 ח. 10. 942

פארטענמאכערס
ווי אויך א לערנייונגע געגען באלדיגע בעצאהלונג ווערען געזוכט ביים מאסבאריערער בערנער ושלאדריוא 33. 944 1

2 צימער מיט קיכע, עלעקטרישעס ליכט בעקוועמליכקייטען פון יולי צו פער־מיעטען, פאנסקא 85 עקע אנדזשעיע. דא איסט איינע אייגענע ארזערניע־קאסע גוטעס פאבריקאט וזאמארט צו פערקויפען. צו ערפאהרען בייַם סטרוזש. 940 3 1

צו פערמיעטען
3 צימער און קיכע בילינג, ווי אויך אנדערע וואהנונגען מיט בעקוועמליכקייטען. פאטאצוש־שולץ № 35. צו ערפאהרען ביים וועכטער. 943 3 1

1, 2, 3 צימער
און קיכען זאפארט צו פערמיעטען, פאטאצוש־שולץ 38. 938

צו פערמיעטען
אויף פראנציסקאנער 30 1, 2, 3 צימער עם קיכע, ווי אויך איינצעלנע ציממערן גרויסע און קלענערע מיט בעקוועמליכקייטען. צו ערפאהרען שוו.־יאקובא 7 № 7 אָב־ביגק, 1־טען שטאק ח. 43. 951

א פרייליין מיט מיטעלע בילדונג, וועלכע קען אויך קלאוויר־שפילען, ווערט געזוכט, צו קינדער אויף זומער־וואהנונג. צו ערפאהרען ביי וועלקאוויסקי דזיעלנא 11 אין אייזען־מעבעל־געשעפט. 649 1—

א פראנט־צימער
וועלכעס איז געאייגנעט פיר הימטענוצצער־שרייבער נערבשטען־ביירער אין פון 1־טען יולי צו פערמיעטען, זגערזשער 15 B. צו ערפאהרען ביי די פריזירערקע. 901 2 1

Калиграфъ
Я. Берманъ, Полудневая 25, кв. 26. исправляю всякій некрасивый ломаный почеркъ, каждаго языка. въ теченіи 20 урок.
אין 20 לעקציאנען קענט איהר בעקומען די שענסטע און שנעלע האנדשריפט
947 פאלודניאווא 25.

א עלעקטרישע מאנגעל
צו פערקויפען, צעגעלניאנא № 57 936 1

עס איז פערלוירען געווארען
אייניגע געטין־ביכלעך אויף רעכנונגען אייַנגעוויקעלט אין א מאשען־טיכעל. דער עהרליכער פינדער וועט געבעטען אבצו־ברענגען געגען בעלאהנונג זאוואדזקא 33 ביי דאוציקער. 3 2 905

אננאנסען
פערין „לאדזער טאגעבלאט" נעהמט אן אין ברזשעזין
אונזער פערטרעטער ה' א. שאפמאן

קאנצערט־גארטען „מאנטיפעל"
טעגליך קאנצערט
פון ווארשויער סימפאניישען ארקעסטער אונטער לייטונג פון ה' בראניסלאוו שולץ, פראפעסאר פון ווארשויער מוזיק. געזעל. אנפאנג האלב 9. עם זאָן־ און פייערטאגען 8 אוהר. ענטרע 50 קאפ. שילער 20 ק. סימפאניע־קאנצערט 75 ק., שילער 30 ק. אבאנאמענטען 4.80.

טאנץ־שולע
די ערשטקלאסיגע עלעגאנט איינגע־ריכטעטע טאנץ־שולע פון בע־קאנטען דיפלאמירטען טאנץ־לעהרער
י. מ. ווינטראוב
אויף זאכאדניא גאס 88
הערען טעגליך שילער און שילערין אננעמען פון 7 אווענד אן. געסטע ווינד ווילקאמען. 631

8 טריב־מאשינען
ינד צו פערקויפען פאנסקא 58 צו ערפאה־רען אין לאדען ביי מאסט. 2 2 909

Wohnungen
3—4 צימער אונד קיכע מיט בעקוועמליכקייטען 2 3 עטאזשע אויף פארטער־רוועליכקייטען פיר לאגער צו פערמיעטען Południowa 20.
3 2 887

מיט 7000 רובל זוכט זיך א שותף אדער איבערצונעהמען א געשעפט, צו ערפאהרען נאוואצעגלניאנא 7 ח. 45, פון 3 ביז 5 אוהר נאכם. 2 2 895

א גוט איינגעפיהרט ברוכטען־געוועלב מיט איינגעפיהרטע קונדשאפט איז פער וואסער איבערצוגעבען. נעהמ־אלעקסאנדרזסקא (מרדכי גבאי'ם) 10. 866 2 2

עס הערען געזוכט נעגליך ועלער־רישען טעקסט. צו רופען ערפאה־רען אלעינסקא 8 וועהנ. 16 פון 12 ביז 3 נאכמיטאג. 3 3 832

888
מעבעל
שלאפצימער: בעטען, מאטראצען, גארדע־ראבען, וואש־טיש אונד נאכט־טישע, שפייז־צימער: קרעדענס, אטאמאנע, טיש, שטיהלע וואנד־אוהר. סאלאן־מעבעל: אמאגעניק קא־בינעט. סקווערא שטר. 5 וואהנונג 9.

צו פערמיעטען
פערשידענע וואהנונגען בעשטעהענד פון 1, 2, 3, און 4 צימער מיט קיכען און אלע בעקוועמליכקייטען מיט מעסיגע פרייזע. שרעדניא 91 עקע מאניוסטראצקא. צו ערפאהרען ביים הויזם אדער ביי רעזונג. 6 5 827

צו פערמיעטען
פון 1/14 יולי א איינגעפיהרט פוטער־לאדען מיט 1 צימער עם קיכע אויף 2 צימער עם קיכע און 1 צימער עם קיכע וואודזקא 27. צו ערפאהרען ביי בער סקאסאוויסקי, נאוו־מיעסקא שטר. 30. 839 3 3

Эйнохъ Абрамовъ Рубинштейнъ
потерялъ свой паспортъ, выдан. Войт. гм. Гора Кальварія отъ 22 Іюля 1903 г. № 675. Отдать въ полицію. 863 3 3

Зельда Нлигеръ
потеряла свой паспортъ, выдан. гм. Господаржъ, Петр. губ. Отдать въ полицію. 877 3 2

Моше-Давидъ Шлямовъ Пильцъ
потерялъ свой паспортъ, выдан. гм. Хотель, Кѣл. губ. Отдать въ полицію. 861 3 3

מעדליך ווערען געזוכט צו דאמען־שניי־דעריי פער ועבארט, פאלודניאווא 6 וואהנונג 3. 22 930

Junger-Mann
als Stadtreisender zum sofortigen Antritt gesucht. FRANZ WEBER Pańskastr. 60. 5779 3 2

א פראנט־לאדען
מיט שעהנעם שויפענסטער און 2 אמגעגנ אויף וואנש אויך מיט אנגרענצענדע צי־מער צו פערמיעטען פון יולי. פעטריקויער שטר. 36. צו ערפאהרען ביים פערוואלטער.

א וואהנונג
בעשטעהענד אויס 1, 2, 3 אדער 4 צימער עם קיכע מיט בעקוועמליכקייט צו פער־מיעטען פון יולי, פעטריקויער 38.

א געמיערטע רעמיזע
מיט אמוזערנע טירען און געהעלבט אויף הויכע קעלער־שטובען מיט עלעקטרישע בעטריעב און בעלייכטונג צו פערמיעטען. פעטריקויער 38.

טיטען־ארבייטער
הערען געזוכט. ש. שטיבעל, וואסאדניג שמראסע 24. 864 3 3

א הויז
אין דער פיאטרקאווסקא 19 אויף זעהר גוטע בעדינגונגען מיט משכנתא־סמוואט 2800 ר' יעהרליכע איינגאהמע צו פערקוי־פען. צוזאמענטען מיט 5 ביז 7 טויזענד רובל. צו ערפאהרען דערצעלבסט ביים ווירט. 3 3 867

איין ביער פאמענס מיט וואַרטען שפאציען און אמבולאטאריע איז איבערצוגעבען, נעהערעס צו ערפאהרען ביי „סתאמאס" ראדאגאשטש. 3 2 879

איין פענסטער
אין פון 1־טען יולי צו פערמיעטען שרעדניא 24 אין מוטער לאדען. 3 2 881

צום פערמיעטען פון 14/1 יולי 2 הויכע קעלער־וואהנונגען 6 פענסטער מיט עלעקטרישעס קראפט אלעס אין בעסטען ארדנונג אויף איין וואקען־פאבריק אדער דאס אנדערעס קאמערציעלע 4 צו ערפאה־נאוואמיעסקא 21 ביי ש. י. אבועל. 2 2 935

זומער־וואהנונגען
צו פערמיעטען אויף שלאסקעט לאנד צו בילינע פרייזען, אין דאמבראוקא בייַ זגערזש. צו ערפאהרען אין בעלווס ראמאר שטר. 11 ביי קוליגאווסקי. 2 2 884

Wohnungen
פראנט־לאדען, אויך לאדען און הויף 4—5 צימער אונד קיכע 2־טער עטאזשע אויך רעמיזען זינד צו פערמיעטען.
Petrikauer str. № 18.
3 2 888

Тип. М. Гамбурскій и Ко. Лодзь, Петр. 16.
Редакторъ: И. Угеръ. Издатели: Э. Гамбурскій. А. Токенбаумъ